בעזהשי"ת

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת נֹחַ

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

---

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**

**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**

שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל

**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**

**טלפון רב קווי 04-6708356**

**פקס: 04-6708359**

---

**Visit our new website: www.breslevcenter.com**

**לשמוע השיעורים 212-444-9191**

Find our entire book selection at:
**AMAZON.COM**
To donate and/or sponsor one of our books please call:
**845-248-1651**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת נח, כ״ה תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

הגם איך האב שוין גערעדט מיט דיר און דיר מחזק געווען, דאך וועל איך דיר שרייבן אפאר חיזוק ווערטער, ווייל איך זע ווי צעבראכן דו ביסט, און דו זאגסט מיר אז דיין ווייב איז נאך מער דערשראקן און צעבראכן.

וויסן זאלסטו אז אפילו א מענטש זאל טון די הארבסטע עבירה רחמנא לצלן, אויב טוט ער תשובה - ער זאגט פארן אייבערשטן: ״רבונו של עולם, חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ, איך האב געזינדיגט פאר דיר״, און ער זאגט ארויס די עבירה וואס ער האט געטון: ״׳וְכָזֹאת וְכָזֹאת עָשִׂיתִי׳, און איך וויל תשובה טון. זיי מיר מוחל אייבערשטער וכו׳ וכו׳״, דארף ער גלייבן אז דער אייבערשטער איז אים מוחל אויף די עבירה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרק ד): ״אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: אִם אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה לְפָנַי, אִם חוֹזֵר וְעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה - הֲרֵי אֲנִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים, וַאֲנִי מְקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ, וְאֵין אֲנִי זוֹכֵר לוֹ אֲפִילוּ מִקְצָת עֲוֹנוֹתָיו״, דער אייבערשטער זאגט, אויב א מענטש זינדיגט, און ער טוט תשובה, וועל איך רחמנות האבן אויף אים. איך וועל אנעמען זיין תשובה, און איך וועל מער נישט דערמאנען זיינע עבירות. נאך זאגן חז״ל (תורת כהנים בחוקותי, פרק ח): ״אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מִיָּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיָּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם״, דער אייבערשטער זאגט, גלייך ווען א מענטש איז זיך מתודה פאר מיר, האב איך רחמנות אויף אים, און איך נעם צוריק דעם מענטש צו מיר.

דערפאר בעט איך דיר זייער, זיי נישט צובראכן וכו׳; דער יצר הרע האט דא געטראפן א גוטע וועג ווי אזוי ער קען צעברעכן דיין שלום בית. ער וועט דיר אינגאנצן צעברעכן און דערשרעקן דיין ווייב, בשעת ווען עס איז בכלל נישט געווען קיין שוגג און אודאי נישט קיין מזיד. נאר דאס הייסט א אונס גמור, ווייל עס איז נישט געווען ביום הוסת וכו׳.

קוק וואס דער רמ״א זאגט (יורה דעה סימן קפה, סעיף ד): ״וְאִם שִׁמְּשָׁהּ שֶׁלֹּא בִּשְׁעַת וֶסְתָּהּ, וּמָצְאָה אַחַר הַתַּשְׁמִישׁ דָּם; אֲפִילוּ נִמְצָא עַל עֵד שֶׁלּוֹ - מִקְרֵי אוֹנֶס, אֲפִילוּ לֹא בָּדְקָה תְּחִלָּה, וְאֵינָם צְרִיכִים כַּפָּרָה לֹא הוּא וְלֹא הִיא״.

דאס וואס דו זאגסט מיר אז אפשר וואלט זי זיך געדארפט בודק זיין וכו׳; דער רמ״א פסק׳נט (שם, סימן קפד, סעיף א) אז מען זאל נישט מרבה זיין בבדיקות וכו׳, עיין שם.

דערפאר זאלסטו נישט זיין ביי זיך געפאלן, וואס דאס וועט דיר נאר אראפווארפן אין עבירות רחמנא לצלן; ווייל דער ס"מ וויל נאר אז א מענטש זאל זיין ביי זיך צעבראכן, און אזוי קען ער אים נאכדעם אראפ ווארפן אין אנדערע עבירות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קסט): "כִּי עִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא עַל יְדֵי עַצְבוּת כַּיָּדוּעַ, כִּי פְּגַם הַבְּרִית בָּא עַל יְדֵי הַקְּלִפָּה הַיְדוּעָה שֶׁנִּקְרֵאת לִילִית, עַל שֵׁם שֶׁמְּיַלֶּלֶת תָּמִיד", דער עיקר פארוואס א מענטש פאלט אראפ אין די עבירה פון פגם הברית, קומט פון צעבראכנקייט, אז דער מענטש איז טרויעריג און דעפרעסט, מה שאין כן ווען א מענטש איז פריילין, ווערט ער גערעטעוועט פון עבירות. און דער רבי פירט דארט אויס: "עִקַּר שְׁמִירַת הַבְּרִית זוֹכִין עַל יְדֵי שִׂמְחָה", דער עיקר ווי אזוי מען איז זוכה צו שמירת הברית, דורכדעם וואס מען איז פריילין.

דערפאר בעט איך דיר זייער, שטארק דיך און שטארק דיין ווייב; עס דיך נישט אויף אויף אלטע מעשים, וואס איז געווען איז געווען, און מען דארף נישט טראכטן פונעם עבר.

דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כו) אז שכחה איז א גרויסע מעלה, ווייל אז מען פארגעסט וואס עס איז געווען און מען טראכט נישט פונעם עבר, דעמאלט קען מען אנהייבן פון דאסניי דינען דעם אייבערשטן, אבער אויב מען האלט אין איין צוריק טראכטן וואס עס איז געווען, דאס לאזט נישט דעם מענטש ער זאל נאכאמאל אנהייבן דינען דעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת נח, כ"ו תשרי, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

מוצאי יום טוב נאך מעריב זע איך ווי עס קומען ארויף בחורים אין ישיבה, האב איך זיי געפרעגט: "וואס ווילט איר?" זאגן זיי אז זיי זענען געקומען צו דער נעילת החג טיש, זיי ווילן וויסן צי דא ווארפט מען אויך עפל? זאג איך זיי: "דא ווארפט דער רבי דפים גמרא מיט פרקים משניות"; געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן א רבי וואס פולט אונז אן מיט תורה ותפילה, ער דערמאנט אונז כסדר אז מיר זאלן נישט זיין קיין ארעמעלייט, ווייל א מענטש אן תורה איז אן ארימאן, און א מענטש אן אמונה איז אן אמת'ער עני ואביון.
~~~~~~~~~~

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדרים מא.): "אין עני אלע מן הדעת", ווער איז אן ארימאן? דער וואס האט נישט קיין שכל; און מיר האבן היינט אינעם דף גמרא (סנהדרין צב.): "גדולה דעה, שכל מי שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו", ווער עס האט שכל איז ביי אים שוין אזוי ווי משיח איז דא און די בית המקדש שטייט; ווייל דאס וועט מען זען אין בית המקדש, און דאס וועט אונז משיח אויסלערנען - אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט און גארנישט פאסירט נישט פון זיך אליינס. דערפאר, ווער עס לעבט מיט אמונה, איז ביי אים אזוי ווי דער בית המקדש שטייט שוין.

דאס לערנט אונז דער רבי, ער געבט אונז שכל מיר זאלן שוין יעצט רעדן צום אייבערשטן, און מיר זאלן אריין כאפן יעדן טאג אביסל תורה.

איך בין פארנומען אנצוהייבן דעם נייעם זמן - די ישיבה, די חדר און די מיידל סקול, ממילא האב איך נישט קיין צייט מאריך צו זיין.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת נח, כ"ז תשרי, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב געהאט בדעה צו פארן קיין ארץ ישראל קיין יבניאל גלייך נאך יום טוב, אבער למעשה זעט נישט אויס אז איך וועל יעצט פארן.

נעכטן איז נישט געווען קיין שיעור; איך האף אם ירצה ה' אז די אנדערע וואך וועט זיך צוריק אנהייבן די שיעורים פאר די אינגעלייט.

איך וויל דיר זייער בעטן יעצט ווען מיר זענען אריין אינעם נייעם יאר, אז דו זאלסט יעדן טאג לערנען אביסל חומש מיט תרגום, אויך זאלסטו לערנען אפאר פרקים משניות און א דף גמרא; א טאג וואס מען לערנט די הייליגע תורה וועט מען האבן הצלחה. געדענק, נאר דאס נעמט א מענטש מיט אויף יענע וועלט.
~~~~~~~~~~

די וואך איז געווען א שרעקליכע טראגעדיע דא אין שטאט, א אינגערמאן איז פלוצלינג אוועק פון דער וועלט אינמיטן די סעודה שבת אינדערפרי. דער אינגערמאן פלעגט מיר זייער אסאך מאל אפשטעלן אויפן גאס און מיר זאגן אז ער איז זיך מחי׳ מיט די חיזוק יומי דרשות, און ער לערנט חומש וכו׳. יעצט ווען ער איז שוין אהיים געגאנגען צוריק צום אייבערשטן, האט ער נאר מיט זיך דאס ביסל חומש וואס ער האט אריין געכאפט, און דאס ביסל תורה ומעשים טובים, נאר דאס נעמט א מענטש מיט אויף יענע וועלט.

איך ווייס נישט צי דו האסט געהערט די שרעקליכע מעשה וואס האט פאסירט מיט אונזער חבר, האיש החסד, לא מחזיק טיבותא לנפשיה, ... הי״ו; אינמיטן דער נאכט האט אויסגעבראכן א פייער ביי אים, און ער איז געראטעוועט געווארן מיט אלע זיינע קינדער, אלע זענען ברוך השם געזונט און שטארק, דאס איז בזכות וואס ער איז זיך מוסר נפש טאג און נאכט פאר אנדערע אידן. מיר אלע ווייסן ווי ער געבט זיך אוועק פאר א צווייטן איד ביי טאג און ביי נאכט שלא על מנת לקבל פרס. דער אייבערשטער האט אים געגעבן א מתנה, די גאנצע שטוב איז געבליבן לעבן בזכות וואס מען ראטעוועט אנדערע אידן.

דערפאר בעט איך דיר זייער אז דו זאלסט אויך זען צו טון חסד מיט א צווייטן, אויב דו קענסט העלפן זיין משפחה, ער איז געבליבן אן א דאך איבערן קאפ, יצא פלוני נקי מנכסיו, ער איז ארויס מיט זיין ווייב און קינדער ריין - אן קיין וועש, אן גארנישט, און בזכות המצוה הזאת זאלסטו ניצול ווערן פון אלעם שלעכטס.

אם ירצה ה׳ מארגן - מיטוואך נאכט וועט זיין א פרויען צוזאמקום, סיי אין וויליאמסבורג און סיי אין קרית יואל, מען וועט זיך מחזק זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן. דערפאר זע צו זיין אין שטוב, דו זאלסט העלפן מיט די קינדער, אז דיין ווייב זאל קענען קומען צו די ״פרויען צוזאמקום״ שעפן פרישע כוחות צו קענען אנגיין מיט די שטוב ארבעט.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נח, כ״ח תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

איך האף אז דו לערנסט נאך יעדן טאג דעם דף גמרא; אפילו דו ביסט פארנומען און דו האסט אסאך זאכן צו ערלעדיגן, דאך זאל די דף גמרא זיין ביי דיר א זאך וואס דו ביסט אויף דעם נישט מוותר. און וויסן זאלסטו אז דער בלאט גמרא איז די בעסטע פלאץ וואו מען קען אנטלויפן.

איך לערן יעדן טאג פאר צופרי דעם דף פאר אלע אברכים וואס וואוינען אין וויליאמסבורג, און דו קענסט דאס קומען מיטהאלטן.

עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג, און גארנישט בלייבט נישט פונעם מענטש, נאר דאס ביסל תורה וואס מען לערנט.

איך קען נאך נישט קומען צו מיר פון די שוידערליכע טראגעדיע וואס האט פאסירט דא אין שטאט דעם פארגאנגענעם שבת, א אינגערמאן נאך נישט קיין דרייסיג יאר אלט איז אוועק אינמיטן די שבת׳דיגע סעודה; ער האט געהאט אלעס וואס דו ווילסט האבן - אן אייגענע הויז, א שטיקל ביזנעס, א שיינע קאר וכו׳ וכו׳; אבער וואס האט ער מיט זיך מיט גענומען? נאר דאס ביסל תורה וואס ער האט זוכה געווען צו לערנען יעדן טאג. ער האט מיר אפגעשטעלט פונקט א יאר צוריק אויפן גאס, און מיר געזאגט אז ער איז יעדן טאג מעביר סדרה, ער לערנט אביסל משניות, און ער איז זיך מחיה מיט די חיזוק יומי.

נאר דאס נעמט א מענטש מיט - תורה ותפילה; וואס בלייבט פונעם מענטש? ער קומט און גייט, טוט און מאכט, ער נעמט קער, און פלוצלינג... דער מענטש בלייבט אליין. דעמאלט קומען צו גיין אלע דפים גמרא, פרקים משניות און מזמורי תהילים וואס מען האט אריינגעכאפט, כל שכן וכל שכן אז א מענטש האט זיך צוגעוואוינט צו רעדן צום אייבערשטן, דאס באגלייט אים צו זיין אייביגער רוה.

מוהרא״ש פלעגט שטענדיג חזר׳ן דעם מאמר חז״ל (תנא דבי אליהו רבה, פרק טו): ״לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ״, ווען א מענטש רעדט אסאך צום אייבערשטן, און ער שמועסט אסאך צום אייבערשטן, דאס באגלייט אים צו זיין אייביגע רוה; דאס איז זייער אינטערעסאנט, ווייל אז מען קוקט אריין אין תנא דבי אליהו, איז דא אן אנדערע גירסא, עס שטייט נישט דארט וּ׳תְפִלּוֹת׳, נאר עס שטייט דארט וְ׳תִּיפְלוּת׳, און עס איז משמע אז מען רעדט דארט פון ניבול פה, אז א מענטש זאל זיך אפהיטן נישט צו רעדן ניבול פה, אבער מוהרא״ש האט געהאט אן אנדערע גירסא וְ׳תִּיפְלוּת׳.

נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (אבות ו, ט): לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד״, ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט בלייבט די גאנצע געלט און זילבערנע כלים וכו׳ וכו׳ אין שטוב, און מען נעמט גארנישט מיט נאר תורה ותפילה.

דערפאר, שטארק דיך און באניי דיר צוריק מיט דיינע שיעורים; חַדֵּשׁ יָמֵיךְ כְּקֶדֶם!

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נח, כ״ח תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

א גרויסן ישר כח פאר אלעס וואס איר העלפט אין סקול; דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן איר זאלט האבן נחת ביי אייערע קינדער.

בנוגע וואס איר פרעגט, אז איר מאכט מיט די מיידלעך עקסערסייז, און ער ווילט זיי זאלן אנטון לעגינגס, צי מען מעג דאס אנטון אלץ צניעות; וויסן זאלט איר, אז א פרוי טאר נישט גיין מיט קיין הויזן און נישט מיט קיין לעגינגס וואס איז כמו הויזן. הויזן פאר א מיידל איז פריצות, נישט קיין חילוק וואס די כוונה איז; בכלל פארשטיי איך נישט פארוואס עס פעלט אויס דאס אנצוטון ווען די מיידלעך גייען שוין מיט טייץ.

אז איר פרעגט שוין וועגן לעגינגס, דארפט איר וויסן בכלליות, אז מען דארף אויסלערנען די מיידלעך די זאך פון צניעות אויף א שיינעם אופן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין צד.): ״רַבִּי יוֹחָנָן קָרֵי לֵיהּ לְמָאנֵי מְכַבְּדוֹתַי״, רבי יוחנן, ווען ער פלעגט בעטן זיין משמש מען זאל אים ברענגען זיינע קליידער, פלעגט ער זאגן, ׳ברענג מיר די זאך וואס ברענגט מיר ״כבוד״׳; ווייל קליידער איז מכבד א מענטש. ווען א מענטש איז אנגעטון ווי עס דארף צו זיין, דעמאלט איז ער מכובד וכו׳. מען דארף אויסלערנען די מיידלעך אז צניעות איז א שיינע זאך, צניעות איז א בא׳טעמ׳טע זאך, און ווען מען גייט אנגעטון
~~~~~~~~~~

פראסט, קורץ, טייט און אויסגעשניטן וכו׳ וכו׳, איז מען נישט קיוט אדער שיין, נאר מען איז פראסט, און דאס איז נישט איידל.

אויך דארף מען רעדן פון די שכר וואס מען באקומט ווען מען גייט בצניעות; דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט) ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, אז א פרוי געבט אכטונג אויף צניעות, וועט זי זוכה זיין צו גוטע קינדער; מען זעט ווי מענטשן מוטשען זיך היינט נעבעך מיט קינדער, מען זוכט עצות פאר גוטע קינדער, און מען וויינט און מען שרייט און מען מאכט אסיפות, אלע שרייען ״וואס טוט מען מיט די קינדער?״ פארוואס זאל מען נישט פאלגן וואס דער רבי זאגט אז צניעות ברענגט ערליכע אידישע דורות. אז מען רעדט פון דעם אסאך אין די יונגע יארן וועט עס צוביסלעך אריין גיין אין די הערצער פון די מיידלעך.

עס איז דא וואס זאגן אז מיידלעך זאלן שלאפן מיט הויזן ווייל די פיס דעקט זיך אויף וכו׳; אבער עס איז נישט גערעכט, ווייל א מיידל מיט הויזן איז פריצות, נאר מען דארף זיי אויסלערנען צו שלאפן צוגעדעקט, און אויב מען דעקט זיך אויף - זאגן שוין חכמינו זכרונם לברכה (נדרים כז:): ״אוֹנֶס רַחֲמָנָא פָּטְרֵיהּ״, און אז (קידושין נד.): ״לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת״, דער תורה איז נישט געגעבן געווארן פאר מלאכים.

דערפאר בעט איך אייך זייער, אדרבה, טאנצט מיט די מיידלעך, שפרינגט מיט זיי, און מאכט עקסערסייז מיט זיי; עס איז זייער געזונט צו טאנצן און צו שפרינגען, און ווי מער מען שפרינגט מיט קינדער, אלץ מער וואקסן זיי אויף געזונטער, אבער נאר בצניעות, דאס אז זיי גייען מיט טייץ איז גענוג.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח איר זאלט ווייטער קענען מחנך זיין אידישע קינדער, און אריין ברענגען אין זיי א ליבשאפט צו די תורה, א ליבשאפט צו אידישקייט, וואס דאס פעלט אויס זייער שטארק אין אונזער דור; די מיידלעך זאלן אויפוואקסן שטאלץ מיט זייער ווען א פרוי איז צניעות׳דיג איז זי זוכה צו מורא׳דיגע זאכן, און נישט זיך שעמען אז זיי גייען אנגעטון איידל, שעמען דארפן זיך די וואס גיין אנגעטון פראסט און פריצות׳דיג.

אויך א גרויסע ישר כח פאר אייער טייערער מאן נרו יאיר, וואס ער העלפט מיר ארויס מיט יעדע טריט און שריט; ער איז א וואונדערליכער מלמד, אלע זענען צופרידן פון זיין ארבעט.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת נח, כ״ט תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

עס איז געווען א ברסלב׳ער חסיד ר׳ אהרן קובליטשער זכרונו לברכה; ער איז געווען זייער א פרייליכער איד׳ל, און שטענדיג איז ער ארום געגאנגען מיט א שמייכל, אפילו ער איז געווען א עני ואביון; ווען זיין ווייב פלעגט אים פרעגן: ״אהרן, פארוואס ביסטו פרייליך, האסט דאך גארנישט? האט ער איר געענטפערט: ״דו גלייבסט דאך אז עס וועט נאך זיין גוט, נו, איך בארג אויס שמחה פון דעמאלט אויף יעצט״; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון איינער וואס גייט שטענדיג ארום מיט א שמייכל און ער דערהאלט זיך.

צדיקים האבן געזאגט אז נאפאליאן דער קיסר, זיין גאנצע חכמה ווי אזוי ער האט איינגענומען אלע מדינות איז געווען, אז ער האט געברענגט מוזיק אויפן פראנט צווישן די סאלדאטן, זיי פלעגן גיין און מארשירן מיט מוזיק, און דאס האט זיי געגעבן די מוט און די שטארקייט צו מנצח זיין אלע גרויסע לענדער.

דאס זעלבע איז ווען א איד איז פרייליך, ער פריידט זיך מיטן אייבערשטן, וועט אים זיין גרינגער צו זיין אפגעהיטן און צו זיין הייליג; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן קסט): ״כִּי עִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא עַל יְדֵי עַצְבוּת כַּיָּדוּעַ, כִּי פְּגַם הַבְּרִית בָּא עַל יְדֵי הַקְּלִפָּה הַיְדוּעָה שֶׁנִּקְרֵאת לִילִית, עַל שֵׁם שֶׁמְּיַלֶּלֶת תָּמִיד״, דער עיקר פארוואס א מענטש פאלט אראפ אין די עבירה פון פגם הברית איז ווייל ער איז בעצבות, דער מענטש איז טרויעריג און דעפרעסט. אבער ווען א מענטש איז פרייליך, ווערט ער געראטעוועט פון עבירות, אזוי ווי דער רבי זאגט דארט ווייטער: ״עִקַּר שְׁמִירַת הַבְּרִית זוֹכִין עַל יְדֵי שִׂמְחָה״, ווי אזוי איז מען זוכה צו שמירת הברית? אז מען איז פרייליך.

דערפאר בעט איך דיר זייער דו זאלסט פרובירן מיט אלע דיינע כוחות צו זיין פרייליך, אפילו דו האסט נישט מיט וואס צו זיין פרייליך, זאלסטו זיך פרייען מיט דעם אז ׳א גוי בין איך נישט; דער אייבערשטער האט מיר אויסדערוועלט צו זיין פון זיין עם הנבחר׳, און זיך אויף גוטע נקודות וואס דו האסט שוין געטון אין דיין לעבן, וועסטו זען אז דו ביסט פול
~~~~~~~~~

מיט מצוות, ווייל אֲפִילוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל מְלֵאִים מִצְוֹות כְּרִמּוֹן״ (חגיגה כז:), אפילו א פושעי ישראל איז אנגעפילט מיט מצוות ומעשים טובים.

איינמאל דו וועסט זיין פרייליך, וועסטו שוין גיין אין שול דאווענען שחרית מנחה מעריב, דו וועסט נעמען א גמרא און לערנען דעם דף, און דו וועסט געבן גוטע ווערטער פאר דיין ווייב און קינדער וכו׳ וכו׳.

אלע פראבלעמען הייבן זיך אן ווייל דער מענטש איז בעצבות, און מען גייט ארום טרויעריג. מען זינגט א ניגון וואס מען האט דאס געהערט בירושה וכו׳, און דאס זינגט מען נאך, דער ניגון גייט אזוי: ״וואס וועט זיין?״ וויל איך דיר פרעגן: ״פארוואס זינגסטו דעם ניגון ווען עס גייט דיר גוט און דו האסט א שיינע לעבן, דו מיינסט אז ווייל דו האסט געהערט א צעבראכענעם איד זינגען דעם ניגון ״וואס וועט זיין?״ דארפסט עס נאכזינגען?

איך בעט דיר זייער, נעם א גמרא און כאפ זיך מיט; דער באן פארט, עס איז א שאד אראפ צו גיין פונעם באן. א טאג וואס מען לערנט א דף גמרא איז א לעבעדיגער טאג, אבער אן תורה איז די טאג טויט רחמנא לצלן. א טאג וואס מען לויפט אין שול דאווענען שחרית מנחה מעריב איז א לעבעדיגער טאג, און אז נישט, מעגסטו האבן געלט, מיט הייזער וכו׳ וכו׳ אבער באמת האסט גארנישט! ביסט נאקעט - השם ישמרינו.

איך ווארט צו הערן פון דיר א סיום וואס דו האסט מסיים געווען לעצטענס, אדער א פרישע שיעור וואס דו האסט אנגעפאנגען. דאס איז מיין גאנצע נחת, צו זען ווי מיינע תלמידים לערנען די הייליגע תורה און זענען זיך מחזק בעבודת השם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת נח, א׳ דראש חודש מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

יעצט ווען עס קומט שבת, דארף מען זיך אנגרייטן שיינע מעשיות צו דערציילן ביי די סעודה פאר די ווייב און קינדער; קינדער האבן זייער ליב צו הערן מעשיות, און דאס איז
~~~~~~~~~~

דער גרינגסטער וועג זיי צו האלטן רואיג ביי די סעודה. א מעשה האט יעדער ליב צו הערן, עס דארף נישט זיין דווקא מעשיות פון צדיקים, מען קען אויך פארציילן מעשיות וואס מען האט ביי זיך אליינס, מעשיות פון השגחה פרטית, מעשיות פון תפילה, מעשיות פון חסד וכו׳ וכו׳. א מעשה האט א מורא׳דיגע כח, און ווען מען הערט א מעשה גייט דאס אריין זייער שטארק אין הארץ - מער ווי ווען מען הערט א דרשה וכו׳.

וויסן זאלסטו אז חינוך הייבט זיך אן ביי זיך אליינס; נאך אביסל וועסטו האבן גרויסע קינדער, און ווי אזוי דו וועסט זיך אויפירן וועלן זיי זיך פירן. אויב קינדער זעען ווי דער טאטע גייט שבת אין שול דאווענען, וועלן זיי אויך דאווענען, און אויב קינדער זעען ווי דער טאטע גייט נישט אין שול דאווענען, ער גייט נאר זיך טרעפן מיט חברים וכו׳, וועלן זיי בכלל נישט גיין אין שול דאווענען; ווייל אז דער טאטע קומט נישט שבת אין שול, וועלן זיי אויך נישט גיין אין שול.

אויפן פסוק (תהלים קלט, טז): ״יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם״ זאגן חכמינו זכרונם לברכה (תנא דבי אליהו, פרק א): ״זֶה יוֹם שַׁבָּת לְיִשְׂרָאֵל; אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים, יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלּוֹ תּוֹרָה״, אפילו א מענטש ארבעט א גאנצע וואך זאל ער שבת לערנען תורה, ״מִכָּאן אָמְרוּ: לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים, וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה, לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד״, דערפאר זאל א מענטש אויפשטיין שבת צופרי, און גיין אין שול לערנען און דאווענען, און נאכדעם אהיים גיין מאכן די סעודה, ווייל דער אייבערשטער האט נישט קיין נחת פון א מענטש נאר אז דער מענטש לערנט תורה. ״מִכָּאן אָמְרוּ: שֶׁיִּקְרָא אָדָם כְּדֵי שֶׁלֹּא תַּשִּׂיגֵנוּ בּוּשָׁה וּכְלִימָּה בְּשָׁעָה שֶׁאוֹמְרִים לוֹ: ״עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ״, ״עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנֶה שֶׁשָּׁנִיתָ״, זאגט אליהו הנביא ווייטער א מורא׳דיגער לשון: א מענטש זאל זען צו לערנען חומש און משניות, ווייל ווען מען קומט ארויף אויף יענע וועלט פרעגט מען דעם מענטש: ״הייב אן זאגן חומש וואס דו האסט געלערנט״, ״הייב אן זאגן משניות וואס דו האסט געלערנט״, און ווי גרויס וועט זיין די בושה אז מען וועט בלייבן שטיין מיט אן אפענעם מויל, און מען וועט נישט האבן וואס צו ענטפערן.

דערפאר בעט איך דיר טייערע ליבער ..., שבת איז דא צייט, בפרט יעצט קומט די ווינטער וואכן, דער זמן ווערט פריער און פריער, און עס איז דא א לאנגע פרייטאג צו נאכטס; גלייך נאכן דאווענען גיי אהיים מאכן די סעודה, בלייב נישט שמועסן אין שול מיט חברים - וואס היינט איז ער דיין חבר, און באלד בארעדט ער דיר אונטער דיין ריקן.

עס ווערט גע׳פסק׳נט אין שלחן ערוך (אורח חיים, סימן רעא): ״כְּשֶׁיָּבֹא לְבֵיתוֹ יְמַהֵר לֶאֱכֹל מִיָּד״, מען דארף גלייך אהיים גיין מאכן די סעודה; פון די אלע שמועסעלעך בלייבט גארנישט איבער. אנשטאט שמועסן אין שול פון דברים של מה בכך, גיי אהיים און שמועס מיט דיין ווייב און קינדער פון די סדרה, פון צדיקים; פארצייל זיי מעשיות פון תפילה, מאך די סעודה געשמאק פאר דיין ווייב און קינדער.

נאך די סעודה איז דא צוויי ברירות - אדער גייט מען שלאפן און מען שטייט אויף שבת אינדערפרי לערנען פארן דאווענען, אדער בלייבט מען אין שטוב לערנען נאך די סעודה. זאלסט נעמען א משניות און זאגן א פרק נאך א פרק, נעם א גמרא און זאג א דף נאך א דף, ווייל נאר דאס וועט איבער בלייבן פון דיר; ווען מען גייט צו א מסיבה זעט מען אן אויבן-אן וואו מען זעצט ארויף עשירים מיט נגידים וכו׳ וכו׳, אבער אויבן אין הימל איז דא א צווייטע סארט אויבן-אן, דארט זעצט מען אראפ מענטשן וואס האבן געהאט שוועריקייטן אין לעבן, און דאך האב זיי ארייגעכאפט אביסל תורה יעדן טאג, און געגאנגען אין שול דאווענען דריי מאל א טאג.

זע צו פרייליך מאכן אין שטוב, און זיי נישט אזוי באבלאזן, ווייל קיינער קומט דיר גארנישט; מאך פרייליך דיין ווייב און קינדער, און געדענק וואס דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן יז): ״צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת״, שבת דארף מען זיין זייער פרייליך.

מוהרא״ש פלעגט שטענדיג זאגן: ״זיי קלוג - נישט גערעכט״; מיט אביסל שכל קען מען איבערדרייען דאס גאנצע שטוב פאר א ׳גן עדן׳ ממש, אבער ווען מען זוכט נאר צו זיין גערעכט ווערט די שטוב א ׳גיהנום׳. גיי ארום מיט א שמייכל, אפילו דו האסט נישט אויף וואס צו שמייכלען. דער רבי האט געזאגט פאר איינעם וואס איז אים געקומען זאגן אז ער האט נישט קיין כח צו דאווענען, האט אים דער רבי געזאגט: ״מען שניצט זיך א רוגז״; דאס הייסט אז מען מאכט זיך ווי מען האלט דערביי, און נאכדעם האלט מען שוין דערביי, דאס זעלבע איז ביי שמחה: ״מאך זיך פרייליך״, וועסטו זען אז דו וועסט ווערן פרייליך.

א גוט שבת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת נח, א׳ דראש חודש מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האף אז דו האסט הנאה געהאט פון די פרויען צוזאמקום און פון די שיעור; גלייב מיר, עס איז מיר נישט גרינג צו געבן אזא שיעור און רעדן אזוי וכו׳, איך טו עס נאר ווייל מוהרא״ש זכרונו לברכה האט מיר געהייסן רעדן צו די פרויען וכו׳ וכו׳. איך וויל אויפשטעלן א שיינע קהילה וואס די מענער וועלן לערנען און דאווענען און זיין פשוט׳ע ערליכע אידן, מענער וואס וועלן זיין אינטערעסירט אהיים צו קומען צו זייער ווייב און קינדער, און דאס זעלבע ביי די פרויען - פרויען וואס וועלן לעבן מיטן מציאות, אז זייער לעבן איז זייער מאן און קינדער, נישט די חבר׳טעס.

זע צו זיין פרייליך, און בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זיין רואיג און פרייליך, און דו זאלסט זיין אין א גוטע גיסטע, ווייל אז דו וועסט זיין פרייליך וועט די גאנצע שטוב זיין פרייליך, אלעס ווענדט זיך אין די מאמע - ווען די מאמע איז פרייליך זענען די קינדער פרייליך, און ווען די מאמע איז אנגעצויגן, זעט מען עס גלייך אן אויף די קינדער. א מאמע האט אויף זיך א גרויסע אחריות, און אלעס ווענדט זיך אין איר. דערפאר בעט אסאך דעם אייבערשטן אויף שמחה.

ווען דו זאלסט וויסן וואסערע כוחות א פרוי האט מיט אירע תפילות, בפרט ווען זי צינדט אן די שבת ליכט יעדע וואך - וואס מען קען דעמאלט פועל׳ן, און אלע הימלען זענען אפען פאר דיר, וואלסטו אויסגענוצט די צייט און געבעטן דעם אייבערשטן אויף געזונט, אויף קינדער און אויף נחת; עס איז א שאד אז פרויען ווייסן נישט ווי חשוב זייערע תפילות זענען, און ווי אזוי אויסצוניצן זייער צייט דעמאלט. דארפאר, זע צו בעטן פונעם אייבערשטן בשעת דו צינדסט אן די שבת ליכט אויף אלעס וואס דו דארפסט.

וויסן זאלסטו אז גוטע קינדער קומט נישט פון זיך אליין, גוטע קינדער באקומט מען לויט וויפיל מען בעט און מען וויינט צום אייבערשטן; אפילו דיינע קינדער זענען נאך גאר קליין, זאלסטו בעטן דעם באשעפער אז זיי זאלן זיין וואויל און ערליך, מען זעט נעבעך קינדער פון די שענסטע שטובער גייען נעבעך ארויס לתרבות רעה רחמנא לצלן; די איינציגסטע עצה איז נאר צו בעטן און וויינען צום אייבערשטן אז ער זאל רחמנות האבן.

איך שרייב דיר א קליינע תפילה וואס דו זאלסט בעטן: "רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זיין פריילך, איך זאל זיין צופרידן, איך זאל קיינעם נישט מקנא זיין. הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל זיין גוט-מוטיג, ווייל ווען איך בין פריילך איז מיין מאן פריילך, און אז איך און מיין מאן זענען פריילך זענען די קינדער רואיג און צופרידן; העלף מיר באשעפער איך זאל נישט האבן קיין שום פחד און קיין שום שרעק, איך זאל געדענקען אז קיינער קען מיר גארנישט שלעכטס טון, און קיינער קען מיר נישט טשעפען מיין לעבן. הייליגער באשעפער, העלף מיר, און העלף מיין מאן אז מיר זאלן קענען אויפציען א שיינע ערליכע שטוב, מגדל זיין אונזערע קינדער צו תורה און צו עבודת השם יתברך. רבונו של עולם, איך דארף גארנישט און איך וויל גארנישט - נאר ערליכע קינדער, דער לעבן איז מיר נישט ווערט נאר אז מיינע קינדער זאלן זיין ערליכע אידן, איך וויל זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן דער וועלט, קינדער וואס וועלן נאר טון דיין ווילן", איך שרייב דיר אפאר שורות ווי אזוי דו זאלסט אנהייבן רעדן צום אייבערשטן, אבער דער עיקר איז, אז דו זאלסט אליין רעדן צום אייבערשטן, און אים בעטן אלעס וואס דו דארפסט.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז דער עיקר דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אויף שמחה, ווייל ווען א מענטש איז פריילך, ער דאנקט דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך וואס דער אייבערשטער געבט אים, פאלן אוועק אלע פראבלעמען און אלע ווייטאגן וכו'.

זאלסט האבן א פרייליכע שבת און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת נח, א' דראש חודש מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן.

לכבוד מיין טייערע תלמיד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

איך וואלט דיר געזאגט אז דו זאלסט נישט טון די סארט ארבעט; מען דארף זיך זייער אכטונג געבן פון ווי טון א איד, בפרט ווען עס קומט צו ארעמעלייט, און מענטשן מיט צעבראכענע הערצער. דו זאלסט זיך זוכן בעסערע פלעצער וואו צו פארדינען געלט.

אז מען רעדט שוין, מוז איך דיר זאגן אז איך גרויס מיר מיט אזעלכע תלמידים ווי דיר, וואס האבן א אידישע הארץ; ווי דו שרייבסט מיר אז דו טראכסט אז אפשר טוסטו עפעס שלעכט. דו שטיי אוועק פון די סארט ארבעט, און דער אייבערשטער וועט דיר געבן פרנסה אויף א בעסערע וועג. און געב אויך איבער פאר אלע דיינע חברים אז זיי זאלן זוכן פרנסה אויף א וועג וואס מען טוט קיינעם נישט וויי.

שטארק דיר, און זע צו לערנען יעדן טאג אביסל חומש, און אפאר פרקים משניות און דפים גמרא; זארג נישט וועגן א שידוך, א שידוך קומט פונעם אייבערשטן. דיין שידוך איז אנגעגרייט פאר דיר, און ווען עס וועט קומען די ריכטיגע מינוט וועסטו עס טרעפן, דו זיי נאר ממשיך צו לערנען און דאווענען.

א גוט שבת.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד ראש הישיבה שליט"א,

א גרויסן ישר כח פאר די שטארקע חיזוק ווערטער וואס איך הער כסדר, און אויך פאר די עצות און הדרכות פון ראש ישיבה שליט"א, וואס אזויפיל אידן אין די וועלט זענען זיך מחזק פון דעם.

איך ווייס נישט אויב דער ראש ישיבה ווייסט, איך אליין, וואס איך געהער נישט בכלל צו ברסלב ביי אונז און קהילה אין ארץ ישראל קען איך אסאך אידן וואס הערן זיך צו צו יעדע דרשה און פאלגן די עצות, און האבן א געוואלדיגע חיזוק. אייער זכות איז זייער גרויס, דער אייבערשטער זאל אייך שענקען ברכה און הצלחה אין אלע אייערע וועגן.

איך האב געוואלט פרעגן ווי אזוי איז ריכטיג איך זאל בעטן אויף פרנסה? אז דער אייבערשטער זאל מיר שיקן מער ארבעט אין דעם תחום וואס איך בין עוסק? אדער איך זאל בעטן אויף פרנסה בכללות אז ער זאל מיר שיקן ואויף וועלבע וועג ער פארשטייט?

אסאך מאל בין איך מתפלל אז דער אייבערשטער זאל מיר שיקן קונים, אן נאכדעם טראכט איך ווער זאגט אז מען מעג זאגן פאר'ן באשעפער וואס איז גוט פאר מיר, און אים גיבן "עצות" ווי אזוי? אבער אפשר אז איך בין עוסק אין א תחום אפשר איז יא ריכטיג צו בעטן איך זאל האבן הצלחה אין דעם תחום וואס איך טו און האבן פרנסה פון דעם?

א גרויסן יישר כח, אויב איר קענט מיר דאס קלאר מאכן.

אהרן

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט''א:

### בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת נח, כ״ה תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אהרן נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווען ר׳ נתן איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי׳ן, איז ער געקומען צום רבי׳ן, און פארציילט אלעס וואס גייט אריבער אויף אים וכו׳ וכו׳, האט אים דער רבי געזאגט: ״נתן, קום אביסל שפאצירן״, און אזוי גייענדיג, האט דער רבי ארויף געלייגט זיין האנט אויף ר׳ נתנ׳ס אקסל און אים געזאגט אפאר ווערטער, וואס די פאר ווערטער האט געטוישט ר׳ נתנ׳ס גאנצע לעבן, דער רבי האט אים געזאגט: **״און ווייטער איז גוט, אז מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צו א גוטע פריינד״**; דער רבי האט אים דעמאלט מגלה געווען דאס ענין פון התבודדות, אז א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף זיין שפראך וואס ער איז צוגעוואוינט צו רעדן, און אים אלעס אויסדערציילן, ער זאל גארנישט פארהוילן פונעם אייבערשטן. דער רבי האט געזאגט פאר ר׳ נתן, אז אויב ער וועט זיך צוגעוואוינען זיך צו פירן מיט די הנהגה, וועט אים אלעס גיין גרינגער, און ער וועט האבן א זיס לעבן.

ר׳ נתן זכרונו לברכה האט שפעטער דערציילט: ״ווען דער רבי האט ארויף געלייגט זיין האנט אויף מיין אקסל און מיר געזאגט די ווערטער: **״און ווייטער איז גוט, אז מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן, אזוי ווי מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צו א גוטע פריינד״**, האב איך פארשטאנען אז איך בין שוין א געהאלפענער, ווייל וואס עס זאל נאר נישט אריבער גיין אויף מיר וועל איך זיך נישט פארלירן, נאר גיין צום אייבערשטן און אים אלעס אויסדערציילן״.

ווען א מענטש הייבט אן פאלגן דעם רבי׳ן, און יעדן טאג רעדט ער זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, ער דאנקט אים אויף אלעס וואס ער האט, ער בעט אים אויף אלעס וואס ער דארף, און ער דערציילט אים אלעס וואס עס באדערט אים, און אויב מען איז אראפ געפאלן און געטון שלעכטע מעשים דערציילט מען עס פארן אייבערשטן, און מען בעט אים ער זאל מוחל זיין - אזא מענטש לעבט שוין דא בזה העולם אין ״גן עדן״, אזא מענטש לעבט א חיים טובים, ער לעבט מיט אמונה, ער ווייסט אז קיינער קען אים נישט טשעפען, און קיינער קען אים נישט שלעכטס טון.

אמאל איז איד געקומען צו ר׳ נתן נעמען אביסל חיזוק; בכלל דארף מען וויסן אז אלע דיבורים וואס ר׳ נתן האט גערעדט איז געווען בעיקר פון רעדן צום אייבערשטן, און דאס האט ער איבער געגעבן פאר אלע זיינע תלמידים, אז עס איז נישט דא קיין אנדערע תכלית אויף דער וועלט נאר צו דינען דעם אייבערשטן - אים צו דאנקען, און ווען מען דארף עפעס

זאל מען נאר צו אים מתפלל זיין. דער איד האט געזאגט פאר ר' נתן אז ער מאכט יעדן טאג התבודדות אזוי ווי ר' נתן האט אים געלערנט; פרעגט אים ר' נתן: "וואס בעטסטו פונעם אייבערשטן?" האט דער איד געענטפערט: "איך בעט זוכה זיין צו מדריגות וכו'", פרעגט אים ר' נתן: "זאג מיר, פרנסה האסטו?" ענטפערט ער: "ניין", זאגט אים ר' נתן: "הער מיך צו, דו זאלסט בעטן דעם אייבערשטן אויף פרנסה, ווייל דאס איז דיין אמת"; דער אייבערשטער הערט צו אלע תפילות אזוי ווי עס שטייט (תהלים קמה, יח): "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו", אבער נאך מער נעמט דער אייבערשטער אן די תפילות וואס איז מיט אן אמת - "לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת".

זעט מען פון דעם אז א מענטש דארף בעטן דעם אייבערשטן וואס עס ליגט אים אויפן הארצן, ווייל די תפילות וואס קומט ארויס פון הארץ, דאס איז זייער חשוב ביים אייבערשטן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית טז.) אז ווען עס איז דא אן עצירת גשמים, און מען מאכט אן עצרת תפילה זאל מען נעמען פארן שליח ציבור אזא איינער וואס איז "מְטוּפָּל וְאֵין לוֹ", אפילו עס איז דא א זקן וחכם, און רש"י זאגט דארט, אז דער טעם איז, ווייל א מענטש וואס האט א שטוב מיט קינדער, און ער דארף זיי מפרנס זיין, אזא מענטש דאווענט פון די טיפעניש פון זיין הארץ, ער שרייט צום אייבערשטן מיט אן אמת, און ביים אייבערשטן איז זייער חשוב ווען א מענטש קומט צו אים און וויינט זיך אויס, און ער בעט פאר א ישועה.

אין זוהר הקדוש שטייט (פרשת בלק, קצה.) אז ווען אן ארימאן קומט צום אייבערשטן און בעט אויף פרנסה, ער טענה'ט מיטן אייבערשטן פארוואס ער האט נישט קיין פרנסה, זיין ווייב און קינדער ווארטן אויף עסן און ער האט זיי נישט וואס צו געבן, זאגט דער זוהר הקדוש אז דער תפילה איז זייער חשוב ביים אייבערשטן - מער פון אלע תפילות, עיין שם.

דערפאר, וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו רעדסט צום אייבערשטן יעדן טאג, און דו בעטסט אים פרנסה; עס איז נישט קיין חילוק ווי אזוי מען בעט דעם אייבערשטן, דער עיקר דארף מען זען איין זאך: 'נישט אפלאזן די זאך פון תפילה', צי אזוי צי אזוי - דאס איז נישט משנה, ווייל ווי לאנג א מענטש רעדט צום אייבערשטן איז ער צוגעקלעבט צו אים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן פד): "דַּע, שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הִיא עַל יְדֵי תְּפִלָּה", דורך תפילה ווערט א מענטש צוגעקלעבט צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

מיין זון, בני בכורי, האט אביסל נאכגעלאזט פון זיין אידישקייט רחמנא ליצלן, עס האט זיך אנגעהויבן מיט זיין סמארט פאון, און ער איז זיך אוועק געפארן. לעצטנס איז ער זיך אביסל מחזק, ער קומט אריין און ער לערנט אביסל מיט מיר, און נאך פארשידענע חיזוק וואס איך ווייס נישט.

היינט נאכט דערציילט ער מיר אז ער מיט זיינע חברים, וואס רעכנט אריין אויך חבר'טעס רח"ל, האבן פארשטעלט איינע פון די מיידלעך און זיי זענען אריין געגאנגען אין בית המדרש ... די בלוט איז מיר ארויף אין קאפ, דאס איז דאך ממש אזא עצה אזוי ווי בלעם הרשע בשעתו לפרוץ גדרי קדושה רחמנא ליצלן.

איך האב אים אבער גארנישט געזאגט, איך וויל אים נישט מרחק זיין. וויל איך אייך פרעגן וואס איר זאגט וועגן דעם? וואס זאל זיין מיין באציאונג צו אים בכלל?

מיין ווייטאג איז גאר גרויס, עס גייט נישט דורך א טאג וואס איך דאווען נישט פאר אים, און פון דעסט וועגן זע איך א גרויסער הסתר, און איך זע נישט ביי אים קיין ערנסטער טריט אויף צוריק.

א גרויסן יישר כח.

מרדכי

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט''א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת נח, כ״ה תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרדכי נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~

וואס זאל איך דיר זאגן, איך האב געליינט דיין בריוו, און איך האב מיט געוויינט מיט דיר; דו פרעגסט מיר ווי אזוי דו זאלסט זיך פירן מיט אים, אודאי זאלסטו אים נישט מרחק זיין, ווייל עס וועט גארנישט העלפן.

עס איז זייער א שווערע זאך פאר עלטערן צו מקרב זיין א קינד ווען מען זעט ווי ער פירט זיך נישט אויף ווי די תורה הייסט, מען זאל אפגעהיטן ווערן פון די צער וואס עלטערן האבן ווען זיי זעען ווי זייערס א קינד גייט אוועק פונעם דרך התורה. אבער אויב מען וויל תכלית, אויב מען וויל אמת, מען קוקט נישט אויף די אייגענע כבוד וכדומה, און מען איז מקרב דעם קינד ווי אזוי ער איז, קען מען בעזרת השם יתברך זוכה זיין מיט די צייט אז דאס קינד וועט תשובה טון וכו׳.

עס איז דא א מאמר החכם: ״הַסֵּבֶל - תַּחְבּוּלָה, לְמִי שֶׁאֵין לוֹ תַחְבֻּלָּה״, געדולד איז די וועג, פאר ווער עס האט נישט קיין וועג; מיט סבלנות קומט מען אן, מען דארף האבן אמונה אינעם אייבערשטן. מיר דארפן וויסן אז מיר ווייסן גארנישט, דער אייבערשטער פירט דער וועלט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא (דברים לב, ד), מיר ווייסן גארנישט.

חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (ברכות י.) אז ווען ישעיהו הנביא איז געקומען זאגן פאר חזקיהו המלך די נבואה פונעם אייבערשטן אז ער גייט שטארבן, האט חזקיהו המלך אים געפרעגט פארוואס, האט אים ישעיהו הנביא געזאגט: ״דְּלֹא עָסַקְתָּ בִּפְרִיָּה וּרְבִיָּה״, ווייל דו האסט נישט חתונה געהאט, האט חזקיהו המלך געזאגט פאר ישעיהו הנביא: ״דו ווייסט פארוואס איך האב נישט חתונה געהאט? ווייל איך זע ברוח הקודש אז איך גיי האבן א קינד וואס גייט ארויס גיין לתרבות רעה״, האט אים ישעיהו הנביא געענטפערט: ״בַּהֲדֵי כַּבְשֵׁי דְּרַחְמָנָא לָמָּה לָךְ?!״, וואס האסטו מיט די באהאלטענע וועגן פונעם אייבערשטן, דו דארפסט טון וואס דער אייבערשטער האט אונז געהייסן טון, און וואס דער אייבערשטער וויל טון זאל ער טון; שטייט ווייטער דארט, אז למעשה האט ער חתונה געהאט, און ער איז געבליבן לעבן, עיין שם.

אין דעם חז״ל ליגט זייער אסאך חיזוק; ווייל מען זעט פון דא אז מענטש דארף נישט ווערן צעבראכן ווען ער זעט אז ער איז נישט מצליח מיט זיינע קינדער, ווייל געווענליך הייבט א מענטש אן צו טראכטן אלע נעגעטיווע מחשבות: ״ווער איז שולדיג״, ״פארוואס דארף איך ברענגען קינדער״ וכו׳ וכו׳, לערנען אונז דא חז״ל אז מיר דארפן טון דעם רצון השם יתברך, אז דער אייבערשטער האט אונז געהייסן חתונה האבן און ברענגען קינדער אויף די וועלט, דארפן מיר דאס טון און זיך פרייען אז מיר טוהן זיין רצון.

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "א מענטש זאל מתפלל זיין ער זאל האבן אסאך קינדער, און אפילו אז ער ווייסט קלאר אז אלע זיינע קינדער וועלן ארויס גיין לתרבות רעה רחמנא לצלן, זאל ער ברענגען קינדער אויף די וועלט, ווייל משיח וועט זיי אלע צוריק ברענגען צום אייבערשטן".

דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן חס ושלום נישט צו מרחק זיין קיין קינדער, און אפילו זיי זענען אוועק געפאלן פונעם דרך התורה וכו' דארף מען זיי מקרב זיין; מען מעג זיי זאגן מוסר, אבער נאר אויף דעם וועג ווי אזוי משה רבינו האט גע'מוסר'ט די אידן נאכדעם וואס זיין זענען דורכגעפאלן מיטן חטא העגל. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (גיטין לו:): אז ווען משה רבינו איז אראפ געקומען פון הימל, און געזען ווי די אידן האבן געמאכט דעם עגל און זיי האבן עובר געווען אויף די דריי הארבסטע עבירות, האט זיי משה רבינו געזאגט: "עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", דער אייבערשטער האט ענק נאך אלץ ליב, אזוי ווי עס שטייט (שיר השירים א, יב): "נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ", וְלֹא כְּתִיב הִסְרִיחַ; נאר אויף דעם וועג מעג מען געבן מוסר, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ח) אז נאר איינער וואס קען געבן מוסר אזוי ווי משה רבינו האט גע'מוסר'ט די אידן - נאר ער מעג געבן מוסר. אויב מען האט נישט קיין סבלנות, מען איז מרחק א קינד וואס גייט נישט אויפן דרך התורה, קען מען אינגאנצן פארלירן דעם קינד חס ושלום.

דו שרייבסט מיר אז דו דאווענסט יעדן טאג, און דו זעסט נישט ווי עס העלפט; ליין איבער די בריוו וואס דו שרייבסט אליינס אז 'לעצטענס איז ער זיך אביסל מחזק און ער לערענט מיט דיר אביסל'. שרייבסט דאך אליינס אז דו זעסט א שינוי לטובה, דאס דארף דיר זייער מחזק זיין אז דו זאלסט ווייטער דאווענען און בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל תשובה טון.

איך ווייס אז עס איז זייער שווער צו קוקן אויף דאס ביסל וואס ער קומט לערנען אנטקעגן די גרעסערע חלק וואס ער דארף נאך תשובה טון וכו', אבער וויסן זאלסטו אז יעדע איינציגע תפילה העלפט, נאר מען דארף האבן אויף תפילה זייער אסאך סבלנות, און געדענקען דעם מאמר החכם: "מִי שֶׁשָּׂם הַסֵּבֶל תַּכְלִיתוֹ, יַגִּיעֵהוּ הַסֵּבֶל אֶל חֶפְצוֹ", ווער עס האט געדולד, וועט צום סוף אנקומען צו וואס ער וויל; עס איז נישט דא קיין שום אנדערע עצה בזה העולם ווען א מענטש זעט ווי עס לויפן אים נאך שוועריקייטן - נאר צו אנטלויפן צום הייליגן באשעפער, און צו וויינען צו אים טאג נאך טאג וואך נאך וואך אן אויפהער.

עס גייט נישט אריבער א טאג וואס מענטשן רופן מיר נישט וויינען וועגן זייערע קינדער - סיי בחורים און סיי מיידלעך וואס פאלן אוועק מדרך התורה, השם ישמרינו; מען בעט מיר צי איך קען רעדן צו זייער קינד ווען דער קינד וויל נישט הערן פון גארנישט. מען דארף רעדן צום קינד ווען דער קינד וויל נאך הערן, מען דארף אויסהערן דעם קינד ווען ער וויל נאך הערן חיזוק, נישט מען זאל אים זאגן: "דו דארפסט נישט קיין חיזוק", "דו דארפסט לערנען מער וויפיל דו קענסט".

איך האב געעפענט די ישיבה "תפארת התורה" פאר צען יאר צוריק; שוין צען יאר וואס איך לערן מיט בחורים און איך בין זיי מחזק. מען קען נאר רעדן צו איינער וואס וויל הערן, אין זוהר הקדוש שטייט (פרשת תצוה, רצח.): "זַכָּאָה מַאן דְּמַלִּיל עַל אִדְנִין דְּשָׁמְעִין", וואויל איז פאר א מענטש וואס רעדט צו אויערן וואס ווילן הערן; זייער אסאך מאל זענען די עלטערן אליינס שולדיג, ווייל ווען דאס קינד האט נאך געוואלט הערן חיזוק, דער קינד האט געוואלט זיין גוט, האט מען אים געשריגן אויף אים: "דו דארפסט נישט קיין חיזוק", "מאך דיך נישט משוגע", און ווען די עלטערן זעען שפעטער ווי דער קינד איז שוין אינגאנצען אוועק געגאנגען, דעמאלט וועקט מען זיך אויף, דעמאלט וויל מען אים מחזק זיין, אבער דעמאלט וויל שוין נישט דער קינד.

עס איז זייער א ווייטאגליכער נושא ווען עלטערן רופן מיך אן צי איך קען רעדן מיט זייער קינד, ווען די זעלבע עלטערן האבן געווארענט דעם קינד אז אויב וועט מען אים כאפן האבן שייכות מיט א ברסלב'ער וועט זיין אחת דתו, נאר שפעטער ווען דער קינד קען שוין נישט, און ער פאלט אראפ, דעמאלט איז מען שוין מסכים וכו', אבער דער קינד דארף אויך וועלן.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט זוכה זיין צו האבן נחת פון אלע דיינע קינדער, און עס זאל בקרוב ארײן גיין א רוח טהרה אין דיין זון דער בכור, אמן.

...

~~~~~~~~~~~

**תוכן השאלה:**

לכבוד הראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~~

איך בין א כיתה ט' מלמד אין א מוסד אין בארא פארק, איך פרוביר צו רעדן אסאך צו די קינדער מוסר און התעוררות, אויך רעד איך אסאך פון אמונה און אמונת צדיקים. לויט וויפיל ס'איז ערלויבט אין די מוסד.

איך שמועס אסאך מיט די קינדער, און איין זאך טוט מיר מורא'דיג וויי, איך זע אז אפילו די גאר גוטע און ערליכע קינדער שפירן אז אידישקייט איז א פרעשור'דיגע זאך, זיי זאגן אפן אז זיי וואלטן זיך געפריידט נישט צו האבן קיין עול, נאר זיי פארשטייען אז זיי האבן נישט קיין ברירה.

פארוואס שפירן נישט די קינדער א שטאלץ צו זיין א איד? און ווי אזוי קען מען אריינברענגען אין זיי יא צו שפירן אז זיי זענען העכער ווי א גוי, און נישט מיינען אז דער גוי האט א בעסערע לעבן?

איך דאווען פון צייט צו צייט אין א געוויסע שול אין מיין געגענט, און אפילו די מתפללים דארט זענען נישט אזוי פרום ווי איך בין, אבער איך זע אז זיי שפירן זיך זייער גרויס מיט זייער אידישקייט ממש להפליא (לדוגמא ווען איינער האט א קינד פרייען זיך אלע און יעדער זאגט "ב"ה נאך א איד אויף די וועלט". און סוכות מאכט מען א גאנצע טראסק פון די לולב אז דידן נצח אז אידן זענען די געווינער. און אזוי ביי יעדע פרט) איך פארשטיי נישט וואס ס'מאכט זיי פילן אזוי שטארק, און פארוואס ביי אונז איז עס נישטא?

א גרויסן דאנק

ישראל חיים

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת נח, כ״ו תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ישראל חיים נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא בתרא ח:): אויפן פסוק (דניאל יב, ג): ״וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים״ - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת, א מלמד איז צוגעגליכן צו די שטערנס, פונקט אזוי ווי מען קען נישט ציילן די שטערנס פון הימל, אזוי אויך קען מען נישט ציילן די זכותים פון א מלמד; ביי די וועלט איז א מלמד נישט אזא חשוב׳ע שטעלע, נישט נאר ביי סתם מענטשן איז א מלמד אראפ געקוקט, נאר ביי דעם מלמד אליינס איז דאס גאנצע מלמדות אן אראפגעקוקטע זאך. די מלמדים קומען אין חדר זייענדיג זייער אראפ געקלאפט ביי זיך אז זיי האבן אזא ארבעט וכו׳, אבער עס איז נישט אזוי, מלמדות איז זייער א הייליגע ארבעט, און אן אחריות׳דיגע ארבעט, ווייל א מלמד קען אויפהייבן קינדער און זיי אויפבויען פאר

זייער גאנצן לעבן, און פארקערט אויך - ער קען נעמען א קינד און אים אזוי אראפ קלאפן, אז דער קינד זאל בלייבן א צעקלאפטע נשמה אויף זיין גאנץ לעבן.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט זייער אסאך רעדן פון דאס גרויסקייט פון מלמדים, און ער האט געשריבן זייער אסאך ספרים פאר מלמדים - סיי זיי מחזק צו זיין זיי זאלן וויסן אז זיי האבן דאס חשוב'סטע ארבעט, און פון די אנדערע זייט זיי זאלן וויסן ווי הארב עס איז צו זיין א מלמד, אויב מען טוט נישט די ארבעט אזוי ווי עס דארף צו זיין.

דערפאר זאלסטו זיך זייער מחיה זיין און זיך פרייען אז דו האסט די זכיה צו לערנען תורה מיט אידישע קינדער; מיר האבן היינט אינעם דף גמרא (סנהדרין צב): "אָמַר רַב שֵׁשֶׁת כָּל הַמְלַמֵּד תּוֹרָה בָּעוֹלָם הַזֶּה, זוֹכֶה וּמְלַמְּדָהּ לָעוֹלָם הַבָּא", ווער עס איז זוכה צו לערנען תורה פאר תלמידים אויף דער וועלט, וועט אויך זוכה זיין צו לערנען בעולם הבא, און מען איז זוכה צו אלע ברכות וואס יוסף הצדיק האט זוכה געווען, שֶׁנֶּאֱמַר (משלי יא, כו): "וּבְרָכָה לְרֹאשׁ מַשְׁבִּיר", עיין שם.

מוצאי שבת איז געווען די יארצייט פון הרב הקדוש מריבניץ זכותו יגן עלינו; ביי מלוה מלכה האב איך פארגעליינט וואונדערליכע מעשיות פון דעם גרויסן צדיק, און איין מעשה איז מיר זייער אריין אין דיביינער. עס איז געקומען א איד צום הייליגן ריבינצער רבי אז מען האט אנדעקט ביי אים א שרעקליכע מחלה לא עלינו, און די דאקטורים האבן אויפגעגעבן אויף זיין לעבן, און ער האט זיך געבעטן פאר א ברכה, אבער דער צדיק האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט פון אים. דער איד איז ארויס בפחי נפש, ער האט פארשטאנען אז עס איז מער נישט דא וואס צו טון, די גבאים האבן זייער רחמנות געהאט אויף דעם איד, האבן זיי אנגעפאנגען מוטשען דעם צדיק ער זאל געבן א ברכה פאר דעם איד, זיי האבן אים געזאגט: "רבי, דער איד איז א מלמד פאר קינדער שוין צוואנציג יאר", האט דער צדיק זיך אויסגעדרייט און געפרעגט: "ער איז א מלמד?" האבן זיי געזאגט פארן צדיק: "יא, ער איז א מלמד, און ער דארף א רפואה". דער ריבניצער רבי איז ארויס געלאפן אויפן גאס, און ער האט אנגעפאנגען נאך לויפן דעם איד, ביז ער האט אים געטראפן, און ער פרעגט אים: "איר זענט א מלמד שוין צוואנציג יאר?" זאגט דער איד: "יא", פרעגט אים דער צדיק: "אויב דו וועסט ווערן געזונט, וועסטו ווייטער ממשיך זיין פאר נאך צוואנציג יאר צו לערנען תורה מיט אידישע קינדער?" זאגט דער איד: "יא; איך זאג צו, אויב איך ווער געזונט גיי איך צוריק אין חדר פאר נאך צוואנציג יאר", הערנדיג דאס האט אים דער ריבניצער רבי געגעבן א ברכה, און דער איד איז אויסגעהיילט געווארן, און ער איז געווען א מלמד פאר נאך צוואנציג יאר; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון זיין א מלמד.

אשריך ואשרי חלקיך אז דו ביסט א מלמד פאר תינוקת של בית רבן שלא טעמו טעם חטא; פון איין זייט איז זייער הייליג און חשוב צו זיין א מלמד, אבער פון דער אנדערע זייט דארף מען זייער אכטונג געבן נישט צו טשעפען די קינדער. געב זייער אכטונג נישט צו פארשעמען קיין שום קינד, בפרט די קינדער וואס קומען פון צעבראכענע שטובער, וואס בדרך כלל טשעפעט מען זיי און מען פארשעמט זיי - ווייל מען ווייסט אז קיינער וועט נישט פארהאלטן וכו׳, זיי דארף מען מחזק זיין און געבן גוטע ווערטער יעדן טאג אן א שיעור.

איך געדענק ווען איך האב געעפענט די ישיבה, האב איך געפרעגט מוהרא״ש וואס איך זאל טון מיט די בחורים וואס די עלטערן ווילן נישט צאלן שכר לימוד, צי איך זאל אהיים שיקן די בחורים, האט מוהרא״ש מיר געזאגט: ״דו זאלסט קיינמאל נישט אהיים שיקן א בחור; דער אייבערשטער וועט דיר געבן שכר לימוד פאר די בחורים״; דאס זעלבע זאג איך דיר: האב רחמנות אויף די קינדער וואס ברענגען נישט קיין טיפס, דער אייבערשטער וועט דיר געבן טיפס פאר די קינדער. ווען דו זעסט קינדער וואס די עלטערן שיקן נישט קיין טיפס, זיי מאכן זיך נישט וויסענדיג פון דיר, דאס אליין דארף דיר געבן א שטופ צו טראכטן אז די קינדער דארף מען מער מחזק זיין, ווייל די קינדער האבן עלטערן וואס מאכן זיך נישט וויסענדיג, און שרייבן נישט קיין צעטלעך, און מען הערט נישט פון זיי וכו׳ וכו׳, און זיי ברענגען נישט קיין חנוכה געלט און פורים געלט, דאס דארף דיר געבן רחמנות געפילן אויף די סארט קינדער אז דו זאלסט זיך זארגן פאר זיי, און זיין ווי א טאטע פאר זיי.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין יט:):״כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ יְלָדוֹ״; פשט דערפון איז, אז איינער וואס לערנט תורה מיט א צווייטענס קינד דארף טראכטן ביי זיך: ׳דאס איז מיין קינד׳; און נאר אזוי קען ער מצליח זיין מיט די תלמידים. עס זענען דא מלמדים רוצחים וואס פארשעמען די קינדער, זיי שלאגן, ציפן וכו׳ וכו׳; זיי מיינען אז עס איז הפקר וועלט, אבער עס גייט אריבער א פאר יאר, און נאכדעם באצאלט מען מיט די אייגענע קינדער בכפל כפליים.

דערפאר בעט איך דיר זייער אז דו זאלסט אכטונג געבן אויף די קינדער; קינדער זענען נישט קיין מאשינען וואס דארפן קומען און גיין ווי די ׳לאנדענע סאלדאטן׳. א קינד איז א קינד, און מען דארף זייער אכטונג געבן אויף זיי; וואויל איז פאר א מלמד וואס געבט אכטונג אויף זיינע תלמידים אזוי ווי מען געבט אכטונג אויף די אייגענע קינדער, דער באשעפער וועט אים באצאלן מיט זיינע קינדער אז מען וועט זען אסאך נחת פון זיי.

דאס וואס דו פרעגסט ווי אזוי מען קען אריין לייגן אין די קינדער ליבשאפט צום אייבערשטן, און א ליבשאפט צו די תורה; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זאלסט וויסן - זאגט דער רבי - אז פארציילן מעשיות פון צדיקים איז זייער א גרויסע זאך, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", ווייל ווען מען הערט א מעשה פון א צדיק, ווערט דאס הארץ אויפגעפלאמט צום אייבערשטן, און מען באקומט א שטארקע חשק צו ווערן אן ערליכער איד ווען מען זעט צו וואס דער צדיק האט זוכה געווען ווען ער איז בייגעשטאנען אלע זיינע נסיונות, און מען וויל אויך ווערן א צדיק; בפרט אז מען פארציילט מעשיות פון צדיקים פאר קינדער האט דאס א שטארקע השפעה אויפן קינד, ווייל ווען א קינד הערט א מעשה פון א צדיק, ווערט ער זייער נתעורר דורך דעם.

דער רבי האט פארציילט ווי אזוי האט ער זוכה געווען אנצוהייבן דינען דעם אייבערשטן, אז דאס האט זיך אנגהויבן דורך דעם וואס ער האט געהערט מעשיות פון צדיקים; דעם רבינ'ס מאמע פיגא האט גע'ירש'נט די הויז פון איר מאמע - די צדיקת אדל, דעם הייליגן בעל שם טוב'ס טאכטער, וואס זי האט גע'ירש'נט דאס הויז פון איר טאטע דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו. אין דעם הויז איז דער הייליגער רבי געבוירן געווארן, און ווען די תלמידים פון הייליגן בעל שם טוב פלעגן קומען קיין מעזיבוז צום ציון פון זייער רבי - דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע, פלעגן זיי אריין גיין אין הויז פון בעל שם טוב, און זיך דערמאנען די צייטן וואס זיי פלעגן זיין ביים בעל שם טוב זי"ע און זיי פלעגן שמועסן צווישן זיך פון זייער גרויסער רבי. דער רבי איז געווען א קליין אינגל דעמאלט, און ער פלעגט אויסהערן די שמועסן פון די קדושי עליון, די צדיקים תלמידי הבעל שם טוב זי"ע.

איינמאל האט דער רבי געהערט פארציילן די מעשה ווי אזוי דער בעל שם טוב איז געבוירן געווארן, אז זיין מאמע שרה איז געווען זייער אלט בשעת זי האט געבוירן דעם בעל שם טוב זי"ע און זי איז גלייך נאכדעם נפטר געווארן, און ווען דער בעל שם טוב איז אלט געווען פינף יאר האט אים זיין טאטע גערופן צו זיך און אים געזאגט בזה הלשון: **"ישראליק! איך גיי יעצט אוועק פון דער וועלט - כדרך כל הארץ, איך בעט דיר זאלסט נישט מורא האבן פון קיינעם, דו ביסט קיינמאל נישט אליין, דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר"**, און אזוי איז נפטר געווארן דעם בעל שם טוב'ס טאטע.

אזוי איז דער בעל שם טוב אלט זייענדיג פינף יאר געווארן א קיילעכדיגער יתום, און איז געווען איינער אליינס אין א גרויסע וועלט. אבער ער האט שטענדיג געדענקט זיין טאטנ׳ס לעצטע ווערטער: **"ישראליק! זאלסט נישט מורא האבן פון קיינעם, דו ביסט נישט אליין, דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר"**, אזוי איז ער אויף געוואקסן, און וואס ער האט נאר געדארפט האט ער געבעטן דעם אייבערשטן. ביז איינמאל שפאצירט ער אין פעלד און זינגט זיך צום אייבערשטן, און ער זעט ווי עס קומט צו גיין א איד מיט א ווייסע בארד, און דער איד שטעלט זיך אפ און פרעגט אים: "וואס טוסטו דא אליינס אין וואלד?" רופט זיך אן צו אים ישראליק: "איך בין נישט אליין, דער אייבערשטער איז דא מיט מיר", רופט זיך אן דער מענטש: "דער אייבערשטער איז מיט דיר? דער אייבערשטער איז אויבן אין הימל, ער איז זייער הויך, ער איז בכלל נישט דא", און ער לייגט צו אז עס איז א בפירוש׳ע פסוק (יחזקאל ח, יב): "עָזַב ה׳ אֶת הָאָרֶץ". (וואס באמת שטייט דארט מען זאל נישט אזוי זאגן, אזוי ווי די וואס זאגן אז דער אייבערשטער זעט נישט וואס מען טוט אין די פינסטערניש, און מען זאל נישט זאגן אזוי ווי די וואס זאגן אז דער אייבערשטער האט אונז פארלאזט).

און דער מענטש האט אנגעפאנגען צו רעדן צום בעל שם טוב קעגן די אמונה, האט דער בעל שם טוב געכאפט א צווייג פון דער ערד און אים אנגעפאנגען צו שלאגן, און בשעת ער האט געשלאגן דעם אלטן טיפוש האט ער געשריגן דעם פסוק (תהלים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", און פלוצלינג זעט דער בעל שם טוב גארנישט, דער מענטש איז פשוט געווען אן אויג פארבלענדעניש פונעם ס״ם.

די מעשה האט דער הייליגער רבי געהערט ווי מען פארציילט עס אין זיין הויז ווען ער איז נאך געווען א קליין אינגל. גלייך ווען דער רבי האט געהערט די מעשה איז אריין אין אים א מורא׳דיגע חשק צו ווערן א צדיק, ער האט אנגעפאנגען צו טראכטן: "געוואלד! איך וויל אויך זיין א צדיק! אפשר אז איך וועל דאס נאכטון, איך וועל אנהייבן רעדן צום אייבערשטן, וועל איך אויך ווערן א צדיק?" און דער רבי איז גלייך ארויס פון שטוב און ער איז געגאנגען צום ציון פון בעל שם טוב און געוויינט צום אייבערשטער: "רבונו של עולם, איך וויל אויך זיין א צדיק, איך וויל אויך זיין אן ערליכער איד וכו׳ וכו׳". ביז דער רבי האט זוכה געווען צו וואס ער האט זוכה געווען.

זעט מען פון דעם, אז ווען א קינד הערט א מעשה פון א צדיק, דאס פלאקערט אים אויף זיין הארץ צו ווערן א גרויסער צדיק.

עס איז באוואוסט אז דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט געפרעגט די מלמד פון זיינע קינדער צי ער לערנט מוסר מיט זיינע קינדער, האט דער מלמד געזאגט: "יא", האט אים דער צאנזער רב געפרעגט: "וואסערע מוסר ספרים לערנסטו מיט זיי?" זאגט ער: "חובות הלבבות", זאגט אים דער הייליגער צאנזער רב זי"ע: "נישט דאס מיין איך צו פרעגן, איך פרעג צי דו לערנסט מוסר, צי דו פארציילסט זיי מעשיות פון הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע און פון זיין ברודער דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע"; ווייל מעשיות פון צדיקים פייערט אויף דאס הארץ צו זיין אן ערליכער איד.

דערפאר, אז דו פרעגסט ווי אזוי מען לייגט אריין אין קינדער אמונה און ליבשאפט צו די תורה, דורך דעם וואס מען פארציילט זיי סיפורי צדיקים, ווי אזוי זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך, ווי אזוי זיי האבן געלעבט מיטן אייבערשטן, און ווי אזוי זיי האבן זיך נישט דערשראקן ווען עס איז נישט געגאנגען ווי אזוי זיי האבן געוואלט.

ועל כולם דארף א מלמד אסאך טרערן פארגיסן צום אייבערשטן אז אלע זיינע תלמידים זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן יראי ה'.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט קענען אריין לייגן אין די קינדער אמונה פשוטה ויראת שמים, און דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין געווען ב"ה דאס יאר אין אומאן אויף ראש השנה, און איך האב זייער הנאה געהאט. איך האף צו ברענגען קומענדיגע יאר מיינע דריי גרויסע אינגלעך.

איך בין אבער זייער נערוועז, ווייל כ'האב זיך ארומגעדרייט אין די גאסן דארט פאר יום טוב, און אויך אין יום טוב, און איך ווייס נישט ווי אזוי מ'קען בכלל ברענגען קינדער אין אומאן, אז זיי זאלן זיין אפגעהיטן דארטן?

א גרויסן יישר כח.

יעקב דוב
~~~~~~~~~~

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת נח, כ״ו תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד יעקב דוב נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו ביסט געווען ביים הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה.

דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן רט): ״אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך גיטאן״, און ר׳ נתן שרייבט אז דער רבי האט דאס געזאגט מיט א מורא׳דיגע ברען און מיט א התלהבות.

וויסן זאלסטו, אז וואס עלטערן געבן פאר קינדער - קען קיינער נישט געבן, און חינוך וואס קינדער באקומען אין שטוב, איז שטערקער פון אלעס אויף דער וועלט; וויפיל איך פרוביר אריין צו לייגן אין די בחורים וואס לערנען ביי מיר אין ישיבה יראת שמים און מידות טובות, זע איך, אז די בחורים וואס קומען פון געזונטע שטובער וואו מען האט זיי מחנך געווען - איז גרינגער צו ארבעטן ווי מיט בחורים וואס קומען פון שטובער וואס קיינער האט זיי נישט מחנך געווען.

געב א קוק למשל ׳נעגל וואסער׳; עלטערן וואס האבן מחנך געווען די קינדער אפצוגיסן ׳נעגל וואסער׳, די טאטע און מאמע זענען שטארק מקפיד אויף דעם, און זיי זאגן שיינערהייט יעדע נאכט פאר די קינדער: ״קינדער אנגרייטן ׳נעגל וואסער׳ און ליינען קריאת שמע״, די קינדער וואקסן אויף ערליך און הייליג, און זיי וועלן זייער גאנץ לעבן זיך אנגרייטן ׳נעגל וואסער׳. און דאס זעלבע איז פארקערט; קינדער וואס זענען אויף געוואקסן אין א שטוב וואס עס איז נישט דא קיין יראת שמים, מען ווייסט נישט פון קיין ׳נעגל וואסער׳ צו זאגן, די קינדער וועלן זיך נישט אפגיסן קיין נעגל וואסער. איך זע עס אין קעמפ ווען איך לייג שלאפן די בחורים, וויפיל איך זאל זיך בעטן ביי בחורים זיי זאלן אנגרייטן נעגל וואסער איז עס ווי דו רעדסט צו טויבע אויערן, ער קוקט דיר אן ווי איינער וואס רעדט זאכן פון די לבנה, ווייל ער האט עס נישט געזען ביי זיינע עלטערן, מה שאין כן די בחורים וואס ביי זיי אין שטוב גיסט מען זיך אפ נעגל וואסער, צו זיי קען מען רעדן, זיי קען מען מחזק זיין וכו׳, און אזוי איז אין יעדע פרט.

דער הייליגער רבי האט געזאגט, ער וויל מען זאל אים רופן מיט זיין מאמע׳ס נאמען ׳רבינו נחמן בן פיגא׳, פארוואס? ווייל זיין עיקר יראת שמים האט ער גענומען פון זיין מאמע. ווען דער רבי איז געבוירן האט זי גלייך אפגעגאסן דעם רבי׳ן נעגל וואסער, און אויך האט זי געגייט א קאפל בשעת זי האט געווארט דעם רבי׳ן, און זי האט אנגעטון דעם רבי׳ן מיט א קאפל גלייך ווען דער רבי איז געבוירן. אזוי אויך פלעגט זי נעמען דעם רבי׳ן מיטן קערידזש און גיין צום ציון פון איר זיידע דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו מתפלל זיין דארט; זעט מען פון דעם, אז וואס עלטערן געבן פאר זייערע קינדער קען קיינער אנדערש נישט געבן.

דאס זעלבע איז מיט אנדערע זאכן, ווי למשל דאווענען מיט מנין; א קינד וואס וואקסט אויף אין א שטוב וואס אלעס ווערט אפגעשטעלט ווען מען דארף גיין דאווענען שחרית מנחה מעריב, אזא קינד וועט אויך גיין אין שול דאווענען דריי מאל א טאג. און א טאטע וואס גייט נישט אין שול דאווענען א גאנצע וואך, וועט זיין קינד אויך נישט גיין דאווענען, און עס וועט נישט העלפן אז מען וועט זאגן פארן בחור גיי דאווענען, ווייל ער ווייסט ביי זיך אז טאטי דאווענט נישט וכו׳.

איך קען נישט פארגעסן וואס א בחור האט מיר געזאגט יארן צוריק: ״דער ראש ישיבה קומט פון א שטוב ווי יעדער דאווענט, איך קום פון א שטוב וואו מען דאווענט נישט; מיין טאטע טוט אן תפילין אין שטוב, ער גייט נישט אין שול א גאנצע וואך - נאר שבת (נישט צום דאווענען, נאר צו די חברים, טרינקען וכו׳), מיין טאטע טוט אן תפילין ווען ער איז נאך מיט די אונטער וועש, פארוואס שרייט דער ראש ישיבה אויף מיר ווען איך דאווען נישט?״

דערפאר, אז דו שרייבסט מיר אז דו ביסט געווען אין אומאן אויף ראש השנה, און דו האסט זיך ארום געדרייט אין די גאסן פאר יום טוב און אויך אום יום טוב, און דו זארגסט זיך וועגן דיינע קינדער; וואס ווילסטו פון דיינע קינדער ווען דו אליין דרייסט זיך ארום אין אלע גאסן וכו׳? אז דו וועסט אכטונג געבן אויף זיך אליין, דו וועסט אויסניצן די צייט אין אומאן, דעמאלט וועלן דיינע קינדער דיר נאכמאכן און אויך אויסניצן די צייט.

איך האף אז דו ביסט נישט ברוגז אויף מיר אז איך ענטפער דיר וכו׳, ווען דו שרייבסט מיר אז דו האסט זיך ארום געדרייט אין אלע גאסן ה׳ ירחם, ווען אלע גאסן זענען אויסגעלאסן וכו׳; חינוך הייבט זיך אן ביי זיך אליינס, אז מען פירט זיך אזוי ווי עס דארף צו זיין, מען גייט אין שול דאווענען, און מען לערנט יעדן טאג, איז מען זוכה אז די קינדער וועלן זיין ערליכע אידן.

ר׳ נתן האט געזאגט: ״עס איז ביי מיר חשוב צו מחנך זיין זיינע קינדער, פונקט ווי אויפשטיין חצות און זאגן ׳תיקון חצות׳״; ווייל אז מען וויל אויפשטיין ביי חצות זאגן תיקון חצות, דארף מען זיך לייגן שלאפן פרי, און ר׳ נתן האט נישט געוואלט גיין שלאפן פאר זיינע קינדער קומען אהיים, ווייל ער האט זיי געוואלט מחנך זיין, ער האט געוואלט ליינען קריאת שמע מיט זיי, זיי מחנך זיין צו מאכן נאך ברכות, און אנגרייטן נעגל וואסער וכדומה. ווייל א קינד וואס זיינע עלטערן האבן אים שיינערהייט דערמאנט נאכט נאך נאכט צו ליינען קריאת שמע, איז גרינגער דאס צו טון זיין גאנץ לעבן. אודאי דארף יעדער מענטש חיזוק, און יעדע מענטש האט א יצר הרע וכו׳ וכו׳, אבער מיט א גוטע חינוך איז די יראת שמים און אידישקייט איינגעבאקן אין הארצן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א טאטע פון 7 קינדער קע"ה, און איך פאלג וואס דער ראש ישיבה זאגט ביי די שיעורים ווי אזוי מ'דארף זיך אראפלאזן צו די קינדער, און זייט דעמאלט שעפ איך ב"ה אסאך נחת פון זיי.

איך האב אבער א פראבלעם מיט איינע פון מיינע אינגלעך, וואס איז בערך צען יאר אלט. יעדן שבת ביים טיש רעדט ער הויך אין ער לאזט קיינעם נישט קומען צום ווארט, און ער שטערט די גאנצע געשמאקייט פון די סעודה. וויפיל כ'האב פרובירט מיט גוטן אבער מיט שטרענגן העלפט עס נישט. ווען ער קומט צום שבת טיש ווערט ער ארויס פון קאנטראל, און דאס נעמט מיך ממש ארויס פון די כלים.

איך וועל זיין דאנקבאר אויב דער ראש ישיבה וועט מיר שרייבן וואס צו טון.

א גרויסן שכח פאר די שיינע שיעורים.

שלמה חיים

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט''א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת נח, כ״ו תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן
~~~~~~~~~~~

**לכבוד שלמה חיים נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו אז ווי יונגער מען איז מחנך די קינדער זיי זאלן זיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין, וועט מען האבן מער נחת פון זיי, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מען דארף אויס לערנען דעם קינד דרך ארץ ווען ער איז נאך יונג; זייער אסאך עלטערן זענען זיך טועה מיט דעם וואס זיי טראכטן אז חינוך הייבט זיך אן שפעטער ווען די קינדער זענען שוין גרעסער. עס איז נישט אזוי, נאר חינוך הייבט זיך אן ווען מען איז נאך גאר יונג, ווייל א מענטש ווערט באשאפן מיט שלעכטע נאטורן, און מען דארף דאס אויסארבעטן.

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו שרייבט (צעטל קטן, סימן טז): "הָאָדָם לֹא נִבְרָא, רַק לְשַׁבֵּר אֶת הַטֶּבַע", א מענטש איז באשאפן געווארן ער זאל זיך אויסארבעטן זיינע מידות, און ער זאגט (שם) אז דאס איז גרינגער צו טון ווען מען איז יונג.

עלטערן דארפן העלפן זייערע קינדער זיי זאלן זיך אויסארבעטן זייערע שלעכטע מידות; די הייליגע חכמים לערנען אונז אז דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה; ווען עס קומט צו דרך ארץ, דארט טאר מען קיינמאל נישט נאכגעבן. צום ביישפיל, ווען דער טאטע זעט ווי דער קינד פאלגט נישט די מאמע, דארף דער טאטע זיך שטעלן זייער שטארק אויף דעם, און אויסלערנען דעם קינד אז מען דארף פאלגן מאמי; ווער רעדט נאך אויב דער קינד האט זיך מתחצף געווען פאר די מאמע אדער טאטע, דארף מען אים מחנך זיין אז מען טאר נישט ענטפערן פאר א טאטע אדער מאמע.

דאס איז א' ב' פון חינוך; א קינד דארף וויסן אז א ווארט פון טאטע מאמע איז א ווארט, נישט דא קיין ויכוחים, נישט דא קיין הסברים און נישט דא קיין טעמים, ווען א קינד פרעגט: "פארוואס דארף איך דאס טון?" איז דער תירוץ: "ווייל טאטע מאמע האבן אזוי געזאגט", אן קיין פארוואס און אן קיין פארוועך; וואויל איז פאר עלטערן וואס זענען מחנך די קינדער ווען זיי זענען יונג.

וויסן זאלסטו אז ווען קינדער זענען שוין עלטער הערן זיי זיך שוין נישט צו צו וואס מען רעדט צו זיי, נאר ווי יונגער זיי זענען אלץ מער הערן זיי אויס; שלמה המלך זאגט (משלי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר" ווער עס האט ליב זיין קינד, זאגט אים מוסר, און ווער עס זאגט נישט קיין מוסר, איז א סימן אז ער האט פיינט זיין קינד.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש שמות רבה א, א): ווען א מענטש איז נישט מחנך זיין קינד, ווייל ער שוינט אים, זאל ער וויסן אז דער קינד וועט צום סוף אראפגיין פון אידישן וועג. אזוי ווי מיר זעען ביי אברהם אבינו, ווען ער האט געזען ווי ישמעאל קומט אהיים מיט א געטשקע, ער שפילט זיך מיט עבודה זרה׳ס, האט ער אים געשוינט און גארנישט געזאגט, ביז ער האט אים געדארפט פארטרייבן פון שטוב ער זאל נישט קאליע מאכן זיין ברודער יצחק. אזוי אויך איז געווען מיט עשיו; עס שטייט אין די תורה (בראשית כה, כח): ״וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו, כִּי צַיִד בְּפִיו״, יצחק האט ליב געהאט עשו און ער האט אים גארנישט געזאגט, צום סוף איז ער ארויס לתרבות רעה. זעט מען פון דעם, אז ווען א מענטש זאגט נישט קיין מוסר פאר זיינע קינדער ווען זיי זענען נאך יונג, וועט ער חרטה האבן שפעטער.

עס איז כדאי דו זאלסט נאכקוקן די מדרש (פרשת שמות - רבה א, א; תנחומא א), וועסטו זען ווי חכמינו זכרונם לברכה רעכענען אויס נאך מעשיות, פון אבשלום און זיין ברודער אדוניה וואס דוד המלך זייער טאטע האט זיי נישט געזאגט קיין מוסר, און וואס עס איז געשען מיט זיי.

דער מדרש פירט אויס, אז אברהם האט מחנך געווען יצחק, און יצחק האט מחנך געווען יעקב און אזוי ווייטער, דורכדעם זענען זיי געווארן גרויסע צדיקים, און מען האט געהאט פון זיי אסאך נחת.

עלטערן טארן נישט מורא האבן צו מחנך זיין די קינדער זיי זאלן זיך אויפירן מיט דרך ארץ; א טאטע דארף אויסלערנען פאר זיינע קינדער, אז ווען א טאטע רעדט טאר מען נישט אריין רעדן, א טאטע דארף מחנך זיין זיינע קינדער, אז ווען דער טאטע קומט אריין אין שטוב דארף מען זיך אויפשטעלן.

עס זענען דא עלטערן וואס טראכטן ׳עס פאסט מיר נישט צו פארלאנגען פון מיינע קינדער מען זאל מיך מכבד זיין, עס זעט אויס ווי לכבוד עצמו אני דורש וכו׳׳, אבער עס איז נישט אזוי; ווער דען זאל אויסלערנען פארן קינד ווי אזוי זיך צו פירן? עס קומט מיר אויס צו שמועסן מיט בחורים, און אסאך מאל שטיי איך און איך וואונדער זיך זעענדיג ווי קיינער האט זיי נישט אויסגעלערנט די א-ב פון כיבוד אב ואם, א-ב פון דרך ארץ; עס זעט אסאך מאל אויס ווי די קינדער זענען עזות פנים׳ער, עס איז אבער נישט אזוי, די קינדער זענען נישט שולדיג אז זייערע עלטערן האבן זיי נישט מחנך געווען.

בנוגע דיין זון וואס ער שטערט וכו; אסאך מאל ווען א קינד דארף אסאך אויפמערקזאמקייט (תשומת לב) און ער באקומט עס נישט, הייבט ער אן צו מאכן צרות

פאר אלע וואס זענען ארום אים, כדי צו געווינען אויפמערקזאמקייט. דערפאר ווען מען זעט ווי א קינד דארף מער תשומת לב, דארף מען אים דאס געבן נאך פאר ער הייבט אן שטערן. א קלוגער מלמד נעמט די קינדער וואס זענען חברה לייט אז זיי זאלן אים העלפן, אזוי שפארט ער זיך איין אסאך קאפ ווייטאג, ווייל איינמאל מען געוואונט זיי מען ווערט מיט זיי אויף איין זייט, דעמאלט טוישט זיך אלעס און זיי זוכן נאר צו זיין מיט זייער רבי אויף איין זייט.

פארשטייט זיך אז אן תפילה נוצט גארנישט, מען קען וויסן אלע עצות מיט אלע חכמות אבער אן תפילה, אן דעם אייבערשטער קען מען גארנישט טון. דערפאר דארף מען אסאך דאווענען צום אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו האבן ערליכע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

מוהרא"ש האט אמאל דערציילט, אז א איד איז געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו, און ער האט געבעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע גענומען א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט, און דאס געוויזן פאר דעם איד, און אים געזאגט: "דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע עליה השלום, וואו זי פלעגט יעדן טאג וויינען אז זי זאל האבן גוטע קינדער; אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער".

דערפאר זאלסטו אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זוכה זיין צו ערליכע קינדער, געזונטע קינדער, קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן דער וועלט.

...

~~~~~~~~~~

### תוכן השאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב א מורא'דיגע פראבלעם, מיין ווייב קומט פון זייער אן ארויפגעקוקטע משפחה, און זייט אונזער חתונה - פאר די לעצטע צען יאר - האלט זי אין איין זאגן אז זי איז אריינגעפאלן מיט א נעבעכדיגע משפחה, און זי מאכט כסדר חוזק פון מיין משפחה ביי יעדע געלעגנהייט, און ס'טוט מיר זייער וויי.

זי גייט כמעט נישט צו מיינע עלטערן, אין די צייט וואס זי זיצט אפ גאנצע טעג ביי איר משפחה, און איך זאג איר קיינמאל גארנישט.
~~~~~~~~~~

לעצטענס איז איר שוועסטער געווארן א שדכנ'טע און זי האט שוין אנגעטראגן אפאר שידוכים פאר מיין משפחה. און יעדעס מאל וואס איינער זאגט אפ א שידוך, זאגט זי פאר מיין ווייב אז קיינער וויל זיך נישט משדך זיין מיט אונז, און דאס העצט נאך מער אויף מיין ווייב קעגן מיר. זי מאכט מיך פילן ווי איך בין א נידעריגע קלאס מענטש.

א גרויסן ש'כח פאר אייער הילף.

אליעזר דוד

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט''א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת נח, כ״ז תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אליעזר דוד נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז זייער שווער צו ענטפערן אויף שלום בית ווען מען הערט נאר איין זייט פון די מעשה. אבער דאס איז זיכער אז דו דארפסט זיין מיט דיין ווייב אפען, דו דארפסט איר זאגן אז עס באדערט דיר זייער ווען זי מאכט אוועק דיין משפחה. און דאס וואס דו שרייבסט אז דו זאגסט איר קיינמאל גארנישט וכו׳, מיט דעם ביסטו נישט גערעכט, ווייל אז מען זאגט נישט ווייסט מען נישט.

אסאך מאל לעבט זיך א מענטש אין זיין חריין פאר זיבציג יאר, און ווי לאנג מען זאגט אים נישט: ״ר׳ איד, פארוואס לעבסטו איינגעגעסן אין חריין ווען דו קענסט זיך אריין עסן אין א זיסע פרוכט״ - ווייסט מען נישט אז מען ליגט אין חריין; אזוי אויך זענען דא מענטשן וואס מען האט זיי פשוט נישט געלערנט וואס שלום בית איז, מען האט אים נאר אויסגעלערנט אז דעמאלט קויפט מען אזא מתנה, און דעמאלט זאגט מען יישר כח, אבער מער פון דעם ווייסט מען נישט וואס שלום בית איז.

דער יסוד היסודות פון שלום בית איז צו זיין אפען איינער מיטן צווייטן; אויב עפעס טוט וויי דארף מען זיך אדורך רעדן איינער מיטן צווייטן. אויב מען רעדט נישט, אדער איינער האט מורא פונעם צווייטן צו רעדן, איז זייער ביטער.

אסאך מאל קומט דער מאן פון א משפחה וואס דער וועג ווי אזוי מען רעדט דארט איינער מיטן צווייטן איז דורך זיך שטעכן (פארשטייט זיך אז מען לייגט צו: ״איך מאך נאר

א וויץ", "איך האב נישט געוויסט אז דו ביסט אזא בעבי?") און די פרוי קומט פון א אידעלע משפחה, א משפחה וואו מען רעדט מיט דרך ארץ איינער צום צווייטן. יעצט וואס געשעהט ווען די פרוי קען נישט נעמען די וועג ווי אזוי איר מאן רעדט, אבער זי שעמט זיך צו רעדן מיט אים וועגן דעם, אדער זי האט מורא וכו'? זי עסט זיך אן אינעווייניג, ביז זי איז מחליט: 'איך גיי מיר אהיים צו מיינע עלטערן, איך קען נישט וואוינען מיט אזא חי' רעה'... אבער ווען די פרוי וואלט ווען גערעדט צו איר מאן, און אים געזאגט שיינערהייט: "מיין טייערער מאן, עס באדערט מיר ווען דו מאכסט די וויץ אויף מיר", "עס באדערט מיר די וועג ווי אזוי דו רעדסט", "איך בין נישט צוגעוואוינט צו דעם ברייטן שפראך", וואלט דער מאן איר געזאגט: "קוק אהער מיין טייערע ווייב, איך קום פון א שטוב וואו מען דזשאוקט זיך איינער אויפן צווייטן; איך גיי ארבעטן אויף מיר, איך גיי אכטונג געבן ווי אזוי איך רעד צו דיר, אבער אויב איך רעד יא ברייט וכו', בעט איך דיר מיין טייערע ווייב, נעם עס נישט פערזענליך, ווייל איך מיין נישט גארנישט", און עס וואלט געווען שלום על ישראל.

אבער אז מען רעדט נישט, איז זייער נישט גוט; זי מיינט ער וויל איר פליקן, און ער מיינט אז זי איז א בעבי און די שלום בית פלאצט פאר גארנישט און פאר נישט. און באלד וועסטו נאך הערן אין שול ווי מען רעדט וועגן זייער גט, און מען זאגט: "נא, זיי האבן זיך נישט געג'גט וועגן שטותים, דארט איז טאקע געווען פראבלעמען", ווען די גאנצע זאך האט פאסירט נאר ווייל מען רעדט נישט.

ווען מען איז געקומען פארציילן פאר ר' נתן זכרונו לברכה אז עס איז דא אין שטאט א איד א גרויסער צדיק, ממש די גאנצע שטאט רעש'ט זיך מיט אים, און איינע פון זיינע גרויסע מדריגות איז, אז ער איז א "שותק" - ער שוויגט, ער רעדט נישט, און מען הערט נישט פון אים קיין איין ווארט, האט ר' נתן געזאגט: "דער רבי האט אונז געלערנט אז מען דארף נישט שווייגן, מען זאל יא רעדן, נאר מען דארף וויסן ווי אזוי צו רעדן"; דאס זעלבע זאג איך דיר, שלום בית איז נישט אז מען זאגט קיינמאל גארנישט - אזוי ווי דו שרייבסט, שלום בית איז אז מען רעדט יא, מען דארף נאר וויסן ווי אזוי צו רעדן.

בדרך כלל ווען א מענטש רעדט נישט, ער געבט נישט ארויס וואס עס באדערט אים און וואס עס דרוקט אים, מיט דער צייט ווערט דער מענטש אנגעגעסן אין זיך, און עס פלאצט נאכדעם אויס זייער נישט גוט, און זייער אסאך מאל צעפאלן אידישע שטובער, נאר ווייל מען האט נישט גערעדט, און מען האט זיך אנגעגעסן איינער אויפן צווייטן, ביז מען

האט שוין נישט געקענט מער, און מען האט אויסגעפלאצט זייער נישט שיין איינער אויפן צווייטן.

ווען דיין ווייב בארעדט דיין משפחה, זאלסטו איר שיינערהייט זאגן: "ביסט גערעכט, מיין משפחה זענען שווערע מענטשן, אבער איך בעט דיר זייער מיין טייערע ווייב, זאג עס נישט, ווייל יעדעס מאל דו זאגסט עס טוט עס מיר וויי וכו'", וועסטו זען אז זי וועט דיר מער נישט צעקלאפן.

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ווען קייזערן און קעניגן וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן מיט מיינע תלמידים, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען ביי מיר"; דער רבי לערנט אויס דרך ארץ, אז א מענטש זאל זיך רעכענען מיט א צווייטנס געפילן.

מען טאר קיינמאל נישט אוועק מאכן א צווייטנס משפחה אדער חסידות; איינער וואס טשעפעט א צווייטן מיט זיין טאטע מאמע, אדער רבי וכו' - כאפט נישט וואס ער טוט, מען האט אים נישט געלערנט וואס מיינט גוטע מידות, דערפאר מיינט ער אני ואפסי - איך מיט מיין רבי מיט מיין משפחה זענען גוט, און עפעס אנדערש איז נישט חשוב.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט, אז ביים הייליגן צדיק רבי מרדכי'לע פון נאדבורנא זכותו יגן עלינו, ווען זיין מאמע פלעגט אריין קומען צו אים אין צימער און אנגעפאנגען רעדן צו אים אנקעגן זיין ווייב, זי איז געשטאנען און גערעדט אויף איר כל דבר אסור, איז דער הייליגער רבי מרדכי'לע זי"ע געזיצן און איר אויסגעהערט, און ווען זי איז ארויס געגאנגען האט ער גענומען זיין קאפל און אויסגעשאקלט, און צוריק געגאנגען לערנען. שפעטער קומט אריין די רעביצין און הייבט אן שרייען: "דיין מאמע איז דא געווען, וואס האט זי געוואלט? דיין מאמע איז א דאס מיט א יענץ", און זי האט געשריגן און געשריגן, ווידער האט איר דער הייליגער רבי מרדכי'לע אויסגעהערט און געשאקלט מיטן קאפ, און ווען זי איז ארויס פון צימער האט ער גענומען זיין קאפל און דאס אויסגעשאקלט, און זיך צוריק געזעצט לערנען.

וויסן זאלסטו אז א שניר מיט א שוויגער קומען זיך נישט אויס; דאס איז ביי יעדן איינעם די זעלבע זאך, און דער מאן איז "מאנקי אינדערמיט", מען דארף קענען גיין צווישן די טראפנס, און אויב מען רעדט שיינערהייט קען מען אלעס איינשפארן.

איך ווייס אז עס איז שווער צו רעדן, אבער נישט רעדן איז נישט קיין עסק; איך האלט דו זאלסט כאפן א שיינע שמועס מיט דיין ווייב, זאג איר שיינערהייט אז עפעס באדערט דיר שוין פאר א לאנגע צייט, און זאג איר אפענערהייט אז יעדעס מאל זי מאכט אוועק דיין משפחה ציפט עס דיר ביים הארץ. אז זי וועט דיר פרעגן: "וואס? דו האסט מער ליב דיין מאמע ווי מיר?" זאלסטו איר זאגן: "ניין, דו ביסט מיר מער ווי די גאנצע וועלט, אבער עס באדערט מיר ווען מען מאכט אוועק מיין משפחה". איך זאג דיר אז זי וויל נישט דיין שלעכטס, נאר זי כאפט פשוט נישט אז עס באדערט דיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איינער האט מיר מציע געווען צו ליינען צוויי פאפולערע אויסגאבעס אויף ענגליש פון עמזעאן'ס וועבסייט, וואס איז מסביר די וועג וויאזוי צו קאמיוניקעטן מיט א ווייב, און דער חילוק ווי אזוי מענער און פרויען קאמיוניקעטן.

איך האב זייער א שטארקע חשק עס צו ליינען, ווייל איך האלט אז איך וועל קלוגער ווערן דערפון (איך האב שוין איינס אינדערהיים אבער נאר געליינט די ערשטע פאר בלעטער), איך האב אבער מורא צו ליינען א זאך וואס א גוי האט געשריבן.

איך וויל פרעגן וואס דער ראש ישיבה האלט דערוועגן?

א יישר כח פאר די שיעורים און די ניגונים.

יואל משה

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט''א:

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת נח, כ"ז תשרי, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד יואל משה נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

איך ווייס נישט צי איך זאל לאכן אדער וויינען, דו שרייבסט מיר אז דו גייסט זיך לערנען שלום בית ביי א גוי; ווי אזוי קען א גוי אויסלערנען שלום בית ווען עס איז נישט דא אזא זאך ווי א גוי זאל לעבן מיט איין פרוי דורכאויס זיין גאנצע לעבן וכו׳... אויב דו ווילסט וויסן ווי אזוי צו לעבן מיט א ווייב, זאלסטו דורכלערנען די ספרים וואס מוהרא״ש האט ארויס געגעבן אויף שלום בית וואס איז צוזאמגענומען אין ״אוצר שלום בית״, צוזאמגענומען פון הייליגן רבינ׳ס ספרים און פון ר׳ נתן זכרונו לברכה אלע עצות ווי אזוי א מענטש קען לעבן בזה העולם א חיים טובים. היינט איז עס שוין געדרוקט אויף אפאר שפראכן, אויף אידיש, ענגליש און נאך; דארט וועסטו זען ווי אזוי מען האט שלום בית.

פאלג מיר, אוןווארף ארויס פון שטוב די אלע גוי׳אישע ביכער; צדיקים האבן געזאגט אז ביכ״ל איז ראשי תיבות (משלי ב, יט): ״כָּ׳ל בָּ׳אֶיהָ לֹ׳א יְ׳שׁוּבוּן״, שלמה המלך זאגט: ווער עס לערנט חכמות וואס קומט נישט פון די הייליגע תורה און פון די הייליגע צדיקים - ״כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן, וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים״, וועט זיין זייער שווער מען זאל צוריק קומען צום אייבערשטן; דערפאר בעט איך דיר זייער, אנטלויף פון די אלע חברים וואס זענען דיר מציע צו ליינען אויסגאבעס וואס קומען נישט פון די הייליגע תורה, ווייל דאס וועט נאר אוועק נעמען דיין אמונה אינעם אייבערשטן.

אז מען רעדט שוין וועגן ליינען גוי׳אישע ביכער, זאלסטו וויסן אז עס איז נישט גוט בכלל אריין צו ברענגען אין שטוב קיין שום צייטונג - נישט קיין חילוק אידישע צי להבדיל גוי׳אישע, ווייל צייטונגען רייסן אויס דאס יראת שמים פונעם מענטש. איך דאנק דעם אייבערשטן אז מיין טאטע שליט״א האט קיינמאל נישט געלאזט אריין ברענגען אין שטוב קיין שום צייטונג - אפילו אידישע; שבת האב איך געזען מיין טאטע שליט״א נאר לערנען און פארברענגען מיט די קינדער, און איך האב נישט געוויסט בכלל אז עס איז דא צייטונגען ביז איך בין געפארן לערנען אין ישיבה.

די ישיבה איז געווען אינדרויסן פון שטאט, און ווען עס איז געווארן סוף וואך, מיטוואך דאנערשטאג, האב איך געזען ווי די בחורים הייבן אן שפרינגען פון זייער הויט, מעןווארט אז די קאר פון די מגידי שיעורים זאל שוין אנקומען (די עלטערן פלעגן ארויס שיקן פאר די בחורים עסן וכו׳ מיט די מגידי שיעורים וואס זענען געקומען יעדן טאג צו פארן), איך האב נישט פארשטאנען וואס גייט פאר, אויף וואס ווארט מען אזוי בכליון עיניים? האט מען מיר געזאגט אז דער צייטונג איז שוין ארויס געקומען, און מיר קענען שוין נישט אויסהאלטן, מיר דארפן עס האבן... איך האב געטראכט צו מיר ׳מן הסתם פעלט מיר עפעס פון מיין לעבן, אז איך ווייס נישט וואס א צייטונג איז׳, איך האב פרובירט צו

קוקן אין דעם, און איך האב געזען דאס ליצנות וואס זיי מאכן פון כלל ישראל, איך מיש אהער איך מיש אהין - עס איז נישט דא וואס צו ליינען דארט; עס זיצן פוסטע יונגען און דארפן אנפילן א צייטונג מיט הונדערט בלעטער, שטייען זיי און מאכן ליצנות פון כלל ישראל, ליצי ליצנות, און עולם גולם קויפט עס, קיינער ווייסט נישט פארוואס. קיינער טראכט שוין נישט אליין, נאר וואס דער שרייבער שרייבט, דאס איז דער שכל הישר.

וואויל איז פאר א מענטש וואס נעמט נישט אריין אין שטוב קיין שום מאגאזין, און ער געבט אכטונג אויף זיינע קינדער וואס זיי ליינען; ער קויפט פאר זיינע קינדער סיפורי מעשיות פון הייליגע צדיקים תלמידי בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, און ער פארברענגט שבת ביי די סעודות מיט זיי, און ער נעמט שלום בית פון די תורה און פון די הייליגע צדיקים.

איך האף אז דו וועסט מיר פאלגן, וועט דיר זיין גוט בזה ובבא.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

### תוכן השאלה:

לכבוד הרה"צ יואל ראטה שליט"א, ראש ישיבת תפארת התורה,

שלום וברכה, בתחילה אני רוצה שוב להודות לראש ישיבה על כל השמועסין (שאני מקבל במייל). זה ממש שינה לי הרבה דברים בחיי לטובה.

רציתי לציין גם נקודה חשובה שלאחרונה הכניסו כמה שיעורים מהראש ישיבה למערכת "קול הלשון" וזה הפצה אדירה שכאן בארץ ישראל הרבה מאוד אנשים אין להם מייל וכו', והם יכולים לשמוע את הראש ישיבה (יש הרבה עמדות מחשב בבתי מדרש ברחבי הארץ שאפשר להוריד משם את כל שיעורי קול הלשון לנגן) אם אפשר לבקש שיכניסו תמידים כסדרם את השיעורים ולא באופן חד פעמי.

רציתי לשאול על ב' דברים

א' שמעתי באחד מהשיעורים שהר"י אמר בשם הרבי זי"ע שלא לנשק ילדים, לא הבנתי מה הפשט בזה שהרי כל המחנכים טוענים להפך שכל הנושרים הם ילדים שאף פעם לא נישקו ואמרו להם שאוהבים אותם (וכמדומני שגם הר"י הזכיר זאת פעם).
~~~~~~~~~~~

ב' למה בברסלב כשמזכירים את שמו של הרבי אומרים "רבי נחמן בן פיגא" ולא כמו שמקובל בשאר אנשים וצדיקים להזכיר לאחר הפטירה "רבי נחמן בן שמחה" בשם אביו .

אשמח שהראש ישיבה יענה לי אל אף טרדותיו הרבים

אליעזר

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט''א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת נח, כ״ז תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אליעזר נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו ביסט זיך מחיה מיט די עצות פונעם הייליגן רבי׳ן; ווער עס הערט דעם רבינ׳ס עצות און התחזקות ווערט אן ערליכער איד, מען הייבט אן בענקען צום אייבערשטן, און אפילו אז מען פאלט אראפ וכו׳ שרייט מען צום אייבערשטן פון דארט. מען קען דאס נישט מסביר זיין פאר איינעם וואס האט נאך נישט טועם געווען פון רבינ׳ס עצות, וואס דער רבי גיבט אונז; די גאנצע לעבן ווערט געטוישט צום גוטן, און מען הייבט אן לעבן מיטן אייבערשטן.

דאס וואס דו פרעגסט בנוגע קושן קינדער וכו׳; דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן נט): ״מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם, לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל״, עס איז בעסער פאר קינדער ווען מען איז נישט צוגעקלעבט צו זיי צו שטארק, נאר מען לאזט זיי אליינס אויפוואקסן, עיין שם. נאך האט דער רבי געזאגט: ״א קינד קושט מען נישט, און א קינד שלאגט מען נישט״, דאס מיינט נישט צו זאגן אז מען טאר נישט געבן א קוש פאר א קינד, נאר מען זאל נישט זיין צוגעקלעבט צו זיי. ווייל ווי מער מען איז צוגעקלעבט צום קינד און מען צערטלט אים, מען קושט אים און מען האלדזט אים, נאכדעם ווען דער קינד איז לעבעדיג און שפרינגעדיג וכו׳ וכו׳, שלאגט מען אים.

דאס וואס דו פרעגסט פארוואס מען רופט דעם רבי׳ן רבינו ״נחמן בן פיגא״ ביי זיין מאמע׳ס נאמען, און נישט בן שמחה - מיטן טאטענ׳ס נאמען; דאס איז ווייל אזוי האט דער

רבי בפירוש געזאגט, אז מען זאל אים רופן ביי זיין מאמע׳ס נאמען, ווייל ער האט זייער מכיר טובה געווען זיין מאמע אז זי האט אים אויפגעצויגן מיט יראת שמים.

דעם רבינ׳ס טאטע איז געווען א באהאלטענער צדיק, ער איז געווען רוב צייט באהאלטן און ער איז נישט געווען אין שטוב, דעם רבינ׳ס מאמע פיגא הצדיקת, זי האט מגדל געווען דעם רבי׳ן און אין אים אריין געלייגט יראת שמים. ווען דער רבי איז געבוירן געווארן האט זי אנגעטון א קאפל פארן רבי׳ן, אויך האט זי גלייך נאכן געבוירן אפגעגאסן זיינע הענט, און זי פלעגט אים נעמען כסדר צום קבר פון איר זיידן דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו און דארט וויינען אז דער קינד זאל אויסוואקסן א גרויסער צדיק, דערפאר האט דער רבי געוואלט מען זאל אים רופן רבינו נחמן בן פיגא, זכותו יגן עלינו.

עס זענען דא נאך צדיקים וואס מען רופט זיי ביי די נאמען פון זייער מאמע; דעם זונטאג - כ״ה תשרי, איז געווען די יארצייט פון הרב הקדוש רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זכותו יגן עלינו, וואס אים איז מען מזכיר ׳לוי יצחק בן שרה סאשע זי״ע׳.

דער עיקר דארף מען וויסן אז אלעס וואס מיר האבן, און וואס מיר טוען, איז נאר בזכות אלע פריערדיגע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען זייער גאנצע לעבן אריין צו ברענגען דעם אייבערשטן אין די וועלט.

יעדעס מאל מען איז מזכיר א נאמען פון א צדיק ברענגט מען אויף זיך ישועות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, חלק ב׳, סימן כ׳): ״עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁינּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע״, דורך דעם וואס מען דערמאנט די נעמען פון צדיקים, ברענגט מען אויף זיך גרויסע ישועות, אפילו עס איז משנה די טבע פון דער וועלט.

דערפאר איז א גרויסע זאך ווען מען בעט דעם אייבערשטן אויף א ישועה, אז מען זאל בעטן בזכות הצדיקים שבדורינו, און בזכות די צדיקים פון די פריערדיגע דורות, אזוי ווי דוד המלך בעט דעם אייבערשטן (תהלים טז, ב): ״טוֹבָתִי בַּל עָלֶיךָ, לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל חֶפְצִי בָם״, העלף מיר אייבערשטער בזכות אלע צדיקים וואס לעבן, און בזכות אלע צדיקים וואס זענען שוין נסתלק געווארן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד הראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח אויף די שיינע דרשות וואס איר גיבט איבער, ווי אויך די חיזוק יומי.

איך וואלט אייך געוואלט פרעגן ווען וועט איר זוכה זיין צו מקיים זיין די צוואה ובקשה פון כ"ק מוהרא"ש ז"ע אז מען זאל קומען וואוינען אין יבנאל עיר ברסלב?

א גרויסן ש'כח.

נחמן

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט''א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נח, כ״ח תשרי, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד נחמן נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

שבת פרשת יתרו שנת תשע״ב לפרט קטן בין איך געווען אין יבניאל, און איך האב געהאט די זכיה צו איינשטיין ביי מוהרא״ש זכרונו לברכה; שבת אינדערפרי נאך די סעודה האט מוהרא״ש מיר געזאגט: ״קום אביסל שפאצירן״, מוהרא״ש איז ארויף מיט מיר דעם בארג ווי מען זעט אלע שיינע בערג און טאלן, און מוהרא״ש האט מיר געזאגט די ווערטער: ״ווען דו זאגסט דעם פסוק (תהלים קטז, ט): ״אֶתְהַלֵּךְ לִפְנֵי ה׳ בְּאַרְצוֹת הַחַיִּים״ זאלסטו אינזין האבן יבניאל״; זייט דעמאלט בעט איך דעם אייבערשטן יעדן טאג אז איך וויל זוכה זיין צו קומען קיין ארץ ישראל צו די שטאט יבניאל.

דאס וואס דו שרייבסט מיר ווען איך וועל מקיים זיין די צוואה וכו׳; וויסן זאלסטו אז מוהרא״ש זכרונו לברכה האט געשריבן א בריוו אין שפיטאל דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן - דעם טאג וואס מוהרא״ש איז נסתלק געווארן, פאר אלע אנשי שלומינו, ער בעט אינעם בריוו אז יעדער זאל עפענען ביי זיך אין שטאט וואו ער וואוינט, א בית המדרש ״היכל הקודש״ וכו׳; איז דאך זיכער נישט שייך אז איך זאל איבערלאזן די קהלה וואס מיר האבן דא אויפגעשטעלט, מיט א ישיבה, א תלמוד תורה, א מיידל סקול מיט מסירות נפש. עס איז
~~~~~~~~~~~

נישט מעגליך צו באשרייבן וואס מיר זענען אריבער די פאר יאר, וויפיל מען האט אונז גע׳רודפ׳ט עד לחרמה מבית ומחוץ.

דער עיקר דארפן מיר זען צו פאלגן וואס מוהרא״ש האט אונז געלאזט צוואה אז מיר זאלן דרוקן זיינע ספרים, און דאס פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט; געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב האב מקיים געווען די צוואה, איך האב אפגעדרוקט דעם פארגאנגענעם יאר טויזנט סעטס פון די זעקס בענדער ׳שאלות ותשובות אשר בנחל באידיש׳, עס האט מיר געקאסט קרוב צו פערציג טויזענט דאללער, און בקרוב האף איך עס נאכאמאל איבער צו דרוקן, ווייל כמעט אלעס איז שוין אויסגעגאנגען.

אויך האבן מיר אויפגעשטעלט א ״בית הדפוס״ וואו מיר דרוקן יעדן טאג טויזענטער קונטרסים; מען האט שוין געדרוקט איבער א מיליאן קונטרסים במשך די פאר יאר, אויך דרוקן מיר ״אשר בנחל״ אלע חלקים. וואויל איז דעם וואס נעמט א חלק אין די הוצאות און העלפט דרוקן די ספרים, ער וועט זיכער זען גרויסע ישועות אין אלע זיינע וועגן.

ווען מען האט מלווה געווען מוהרא״ש קיין ארץ ישראל בין איך געזיצן אינעם אמבולאנס וואו מוהרא״ש איז געלעגן, און איך האב צוגעזאגט פאר מוהרא״ש צוויי זאכן: איינס, אז איך וועל נישט מאכן קיין מחלוקת צווישן תלמידי היכל הקודש, איך וועל נישט האבן קיין שייכות מיט מחלוקת. צווייטענס, אז איך וועל אים מפרסם זיין פאר די גאנצע וועלט; געלויבט דעם אייבערשטן אזביידע זאכן בין איך מקיים, און מיטן אייבערשטנס הילף וועל איך ווייטער אנהאלטן די הבטחה.

דער עיקר דארפן מיר זען צו פאלגן וואס מוהרא״ש שרייבט אינעם בריוו ׳ב׳ בשלח׳ אפאר טעג פאר ער איז נסתלק געווארן, וזה לשונו: ״דָּבָר אֶחָד שֶׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ אֶתְכֶם בַּקָּשָׁה אַחֲרוֹנָה מֵחַיַּי, שֶׁתַּחֲזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד, וְאַף אֶחָד שֶׁלֹּא יִשְׁתַּדֵּל לְהִתְנַשֵּׂא עַל הַזּוּלַת, אֲנִי לֹא מִינִיתִי אֶת אַף אֶחָד לְמְמַלֵּא מְקוֹמִי, כִּי אַתֶּם יוֹדְעִים שֶׁאֲנִי מְאֹד שׂוֹנֵא שֶׁיִּהְיֶה בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פֵּירוּדִים וְכוּ׳, וְשֶׁלֹּא יִהְיֶה אֶחָד שֶׁמְּדַבֵּר בְּפֶה וּבַלֵּב מְכַוֵּון אַחֶרֶת, כָּל יָמֵי מָסַרְתִּי אֶת נַפְשִׁי שֶׁבְּהַד׳ אֻמּוֹת שֶׁלָּנוּ שֶׁנִּקְרָאִים ״הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ״ עַל שֵׁם מַה שֶּׁאָמַר רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן נט) שֶׁהַצַּדִּיק בּוֹנֶה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וְלָכֵן תְּהִלָּה לָאֵל כָּל הַבָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת בְּכָל הָעוֹלָם שֶׁהֲקַמְתִּי סְנִיפֵי ״הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ״ אֲזַי אֲנִי תָּמִיד הִקְפַּדְתִּי שֶׁלֹּא יִהְיֶה בֵּינֵינוּ שׁוּעָלִים קְטַנִּים הַמְחַבְּלִים כְּרָמִים שֶׁרוֹצִים לְחַבֵּל אֶת הַכֶּרֶם שֶׁבָּנִיתִי בְּיֶזַע וּבְדָם לְמַעְלָה מֵחֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְלָכֵן זֶה עִיקַר רְצוֹנִי שֶׁיִּהְיֶה רַק אַהֲבָה בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, כִּי הַרְבֵּה צָרוֹת בָּאוּ וְיָצְאוּ מִמַּחְלוֹקֶת

וּמְרִיבוֹת, וְלָכֵן הוֹלֵךְ לִי בְּחַיִּים שֶׁבְּהַד׳ אַמּוֹת שֶׁלָּנוּ שֶׁלֹּא יִהְיֶה שׁוּם הִתְנַשְּׂאוּת אֶחָד עַל הַשֵּׁנִי וַאֲנִי לֹא מִינִיתִי אֶת אַף אֶחָד לִהְיוֹת מַנְהִיג בִּמְקוֹמִי״.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געלערנט אין ספר אשר בנחל חלק כ"ב דף ס"א, שרייבט דארט מוהרא"ש זצ"ל אזוי: "וצריך שתדע אהובי, כי עסק היחודים הוא ענין נורא ונשגב מאד מאד, ועל פי דברי האריז"ל בשער היחודים, הוא מעלה יותר מלמוד התורה הקדושה, היינו בשעה שאדם מדבר עמו יתברך, יצייר לפני עיניו שמו יתברך הוי"ה ברוך הוא בד' מלויין: ע"ב, ס"ג, מ"ה, ב"ן. וכל מה שיזכה לבטל את עצמו ביותר אליו יתברך, ויזכה ליחד שמות אלו, יותר יאיר לו עריבות, נעימות, זיו, חיות אלוקתו יתברך בהארה ובזיו נורא ונשגב מאד. אשרי מי שחזק בזה תמיד!"

האב איך געוואלט פרעגן אויב דאס איז שייך אויך פאר פשוטע מענטשן? און אויב מ'קען נישט מייחד זיין די אלע יחודים, אויב ס'איז גענוג אז מ'טראכט נאר פון די שם הוי"ה?

שמעון

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט''א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נח, כ״ח תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד שמעון נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער אריז״ל זאגט (שער רוח הקודש) אז יעדעס מאל ווען א מענטש איז מייחד א יחוד, ער טראכט פונעם אייבערשטן, איז דאס זייער חשוב אויבן אין הימל; בפרט ווען מען איז מייחד דעם שם הוי״ה ברוך הוא מיט די מילוי פון ע״ב, ס״ג, מ״ה און ב״ן, איז מען זוכה אז צו שפירן דאס זיסקייט און געשמאק פון חיות אלוקותו יתברך שמו.
~~~~~~~~~~

אבער וויסן זאלסטו אז ווען א מענטש געוואוינט זיך צו, ער נעמט דעם רבינ׳ס עצה פון התבודדות, און ער רעדט זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטן; ער טרעפט זיך א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און דארט שמועסט ער אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, ער פארציילט אים אלעס וואס עס גייט אריבער אויף אים - סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, במשך הימים והשנים ווערט אים דער מח לויטער און ריין, און עס הייבט אים אן צו שיינען פאר די אויגן דעם שם הוי״ה ברוך הוא.

דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זכותו יגן עלינו זאגט (נועם אלימלך פרשת נח, ד״ה וילד נח שלשה בנים): ״וְזֶה סִימָן לְבַעַל תְּשׁוּבָה גָמוּר, כְּשֶׁהַשֵּׁם הַקָּדוֹשׁ שֵׁם הֲוַיָ״ה בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד לְנֶגֶד עֵינָיו, הוּא סִימָן שֶׁתִּקֵּן בְּיִרְאָתוֹ כָּל חֲטָאָיו״, דאס איז דער סימן פאר א בעל תשובה, אז עס שיינט אים און עס לייכט פאר זיינע אויגן דעם שם הוי״ה ברוך הוא; אבער דאס קומט צום מענטש ווען א מענטש איז זוכה און ער גייט אין מקוה יעדן טאג, ער גייט דריי מאל א טאג און שול דאווענען מיט מנין, און דאווענט מיט א סידור אן קיין כוונות, אן קיין שמות ויחודים, נאר ער דאווענט פשוט בתמימות, אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: ״נאך אלע מיינע כוונות און נאך אלע שמות ויחודים, לייג איך אלעס אין דער זייט, און איך דאווען ווי א קינד דאווענט אין חדר״; ווען א מענטש איז זוכה, ער פירט זיך בתמימות ובפשיטות, ער לערנט יעדן טאג אביסל חומש רש״י מיטן תרגום, ער לערנט יעדן טאג אביסל משניות און גמרא וכו׳, און יעדע זאך וואס עס גייט אריבער אויף אים פארציילט ער פארן אייבערשטן, איז ער זוכה אז עס הייבט אים אן לייכטן דעם שם הוי״ה וכו׳.

א איד איז אמאל געקומען צום רבי׳ן און אים געפרעגט וואס ער זאל אינזין האבן ביים דאווענען ווען ער זאגט דעם אייבערשטנס נאמען, האט אים דער רבי געענטפערט: ״וואס איז שלעכט אינזין צו האבן פשוט ג-א-ט...! ווען מען זאגט ארויס דעם אייבערשטענס נאמען דארף שוין כאפן א פחד״, עיין שם (חיי מוהר״ן, סימן תיד).

וואויל איז דעם וואס איז מקיים אלע מצוות וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן בשמחה עצומה, בתמימות ובפשיטות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד הראש ישיבה שליט"א, גדול מזכי הרבים.

שאלתי, אני נמצא בחסידות, ולאט מתחבר מאוד לספרי רבינו מברסלב, אבל מה שקשה לי זה להתנתק מהחסידות שאני נמצא בו, בגלל מה יגידו אלי וכדו', מה הדרך הטובה להתגבר על זה ולהיות חזק בזה הדרך שאני מרגיש שזה עושה לי חיים טובים באמת, והרבה יותר קרוב "להשם יתברך"?

אני ישמח לקבל תשובה על הנ"ל בקרוב, יישר כוח גדול בהצלחה.

יוסף

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת נח, כ״ט תשרי, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד יוסף נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן ז): ״וְהָעִקָּר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ״, א מענטש דארף קוקן אויף זיך אליין. מען זעט בגשמיות אז א מענטש טוט נאר וואס עס איז גוט פאר אים, און ער קוקט נישט אויף א צווייטן; ער מאכט זיך א חשבון: ׳וואו קען איך פארדינען געלט, וואו קען איך איינקויפן פאר ביליג וכו׳ וכו׳׳, און ער מאכט זיך באקוועם וכו׳; אבער ווען עס קומט צו רוחניות ווערט מען פלוצלינג שוואך, מען הייבט אן טראכטן: ׳וואס וועט מיין חבר זאגן, וואס וועט מיין ברודער זאגן וכו׳ וכו׳׳. א מענטש וואס איז קלוג קוקט אויף זיך; ער מאכט זיך א חשבון: ׳וואו פארדין איך? איך דארף א רבי וואס מאכט מיר לערנען און דאווענען, איך דארף א רבי וואס ווען איך פאל אריין אין א שלעכטע מצב קען ער מיר ארויס נעמען פון מיין קטנות, און ער קען מיר פריילך מאכן איך זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן׳.

ווען א מענטש גייט צו א רבי, דארף ער קוקן אויב ווען ער גייט אהיים פון דעם רבי׳ן נעמט ער פאר זיך עצות צום לעבן; אויב דער רבי געבט אים גארנישט אין דער האנט, איז נישט משנה וויפיל מענטשן דער רבי האט, וויפיל חסידים זענען געווען ביים טיש, מעג ער האבן בערג מיט מענטשן - איז דער רבי נישט זיין רבי, דאס מיינט נישט צו זאגן אז דער רבי איז נישט גרויס וכו׳.

דער הייליגער רבי פארציילט אין די מעשה פון די זיבן בעטלערס (סיפורי מעשיות מעשה יג): איינער האט זיך בארימט אז ער האט די בחינה פון ׳מיעוט המחזיק את המרובה׳ ווייל ער האט זייער אסאך מענטשן, אלפים ורבבות מענטשן - אלעס ליגט אים אויף זיין קאפ, קומט אויס אז ער האט די בחינה פון ׳מיעוט המחזיק את המרובה׳, ווייל זיין קליינע מח נעמט אריין טויזענטער מענטשן וכו׳, זאגט דער רבי אז מען האט געלאכט פון אים, מען האט אים געזאגט: ״דו ביסט נישט, און דיינע לייט זענען נישט״; מוהרא״ש איז דאס מסביר (בספר נהרי אפרסמיון מעשה יג) אז אויב א רבי לייגט נישט אריין אין זיינע חסידים זיי זאלן לערנען און דאווענען - מעג ער האבן טויזענטער מענטשן - איז אלעס נארישקייטן, ״דו ביסט נישט, און דיינע לייט זענען נישט״, עס האט א פנים ווי איינער האט זיך בארימט אז דער גאנצער בארג מיסט קומט פון אים, און ער האט די בחינה פון מיעוט המחזיק את המרובה, ווייל פון איין מענטש קומט ארויס אזוי סאך מיסט וכו׳, עיין שם.

וואס איז דער גרויסקייט פון א צדיק? אז עס גייט אים אין לעבן אז נאך א איד זאל וויסן פונעם אייבערשטן, נאך א איד זאל מקיים זיין די מצוות פון די הייליגע תורה. עס גייט אים אין לעבן אז בחורים זאלן חתונה האבן כדי זיי זאלן נישט נכשל ווערן אין הארבע עבירות.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן ו): ״הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי־אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה, וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ. וְהוּא מְרַמֶּה בְּנֵי אָדָם וְשׁוֹאֵל לְכָל אֶחָד: ״מָה אֲנִי אוֹחֵז?״ וּלְכָל אֶחָד נִדְמֶה כְּאִלּוּ הוּא אוֹחֵז מַה שֶּׁהוּא מִתְאַוֶּה. וְעַל־כֵּן הַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו, כִּי כָּל אֶחָד סוֹבֵר שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ מַה שֶּׁהוּא חָפֵץ. וְאַחַר־כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם.

כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד, עַד שֶׁנִּדְמֶה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד כְּאִלּוּ יֵשׁ בְּיָדוֹ מַה שֶּׁהוּא חָפֵץ, כָּל אֶחָד כְּפִי שְׁטוּתוֹ וְתַאֲוָתוֹ. וְאַחַר־כָּךְ בַּסּוֹף הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם, כִּי אֵין מִי שֶׁיְּמַלֵּא תַּאֲוָתוֹ אֶצְלוֹ. דער יצר הרע איז צוגעגליכן צו איינער וואס לויפט ארום מיט א פארמאכטע האנט, ער לויפט צווישן מענטשן, קיינער ווייסט נישט וואס ער האט אין דער האנט, און יעדער איינער מיינט אז ער האט עפעס וואס עס איז אינטערעסאנט פאר אים, און אלע לויפן אים נאך; צום סוף עפענט ער אויף זיין האנט, און מען זעט אז ער האט גארנישט אין זיין האנט. אזוי פאפט ער אויס יעדן איינעם, מען לויפט אים נאך א גאנץ לעבן ביז ווען מען גייט אוועק פון דער וועלט קוקט מען זיך אן, און מען זעט אז מען האט ליידיגע הענט.

מוהרא״ש זכרונו לברכה זאגט אז דער שיחה גייט בעיקר ארויף אויף פאלשע מנהיגים; מענטשן לויפן נאך רבי׳ס וכדומה, זייער גאנץ לעבן, און ביים סוף עפענט מען אויף די האנט און מען איז נאקעט, מען דערזעט זיך מיט ליידיגע הענט.

א מענטש דארף שטענדיג קוקן צי ער האט עפעס אין זיינע הענט, צי מען נארט אים נישט אפ; עס איז דא א שפריך ווארט: ״מַה שֶׁבְּיַד בָּטוּחַ״, וואס מען האט אין דער האנט דאס איז זיכער; וואס דו זאגסט מיר צו איז איין זאך, און וואס איך וועל למעשה האבן איז שוין עפעס אנדערש.

דערפאר, וואויל איז פאר א מענטש וואס לאזט זיך נישט נארן, ער כאפט אריין יעדן טאג אביסל חומש רש״י מיטן תרגום - זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, און אזוי ווייטער, אזוי ווען עס קומט סוף וואך האט ער געענדיגט די סדרה, און ער איז זוכה צו מקיים זיין וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ח.): ״אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו״, דאס איז א סגולה פאר אריכות ימים, און דאס ראטעוועט א מענטש פון אלעם שלעכטס.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן נא): ״אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד״, דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר: די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; א מענטש דארף זייער אכטונג געבן מען זאל אים נישט אפנארן מיט סגולות וכו׳ וכו׳. מענטשן ווערן זייער פארגאפט פאר איינעם וואס מאכט פאקסן און מאכט זיך משוגע, אבער מען כאפט נישט אז עס גייט אריבער א יאר נאך א יאר, און מען גייט צוריק צום אייבערשטן אויבן אין הימל נאקעט, אן קיין חומש, אן קיין משניות און אן קיין גמרא וכו׳.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא קמא צז:): ״מַטְבֵּעַ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ - זָקֵן וּזְקֵנָה מִצַּד אֶחָד, וּבָחוּר וּבְתוּלָה מִצַּד אַחֵר״, זאגט מוהרא״ש אויף דעם א מורא׳דיגע זאך, אברהם אבינו האט געלעבט מיט דעם מחשבה אז: ׳אט איז מען א בחור, און אט איז מען שוין א אלטער איד׳; ׳אט איז מען א מיידל, און אט איז מען אן אלטע אידענע׳, דאס איז פשט אין דעם מאמר חז״ל, אז ער האט געלעבט זיין גאנצע לעבן אז אט אט גייט מען שוין ווערן אן אלטער איד, מען דארף זיך אנגרייטן תורה ומצוות ומעשים טובים. אזוי האט מוהרא״ש אפגעלערנט דעם מאמר חז״ל, ווייל ביי מוהרא״ש איז יעדע מאמר חז״ל געווען א לעבעדיגע חז״ל - לעובדא ולמעשה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (זוהר חדש, פרשת נח) אז ווען נח איז ארויס געקומען פון די תיבה און געזען ווי די גאנצע וועלט איז חרוב, האט ער אנגעפאנגען זייער צו וויינען, האט אים דער אייבערשטער געזאגט: "רַעְיָא שַׁטְיָא, דו נארישער פאסטוך, יעצט וויינסטו? ווען איך האב דיר געזאגט עֲשֵׂה לְךָ תֵּיבַת עֲצֵי גוֹפֶר, דעמאלט וואלסטו געדארפט וויינען צו מיר, און מתפלל זיין אז עס זאל נישט קומען קיין מבול; וואס האסטו געטון, האסט געמאכט א תיבה און זיך געראטעוועט - דו מיט דיין משפחה, יעצט וויינסטו אז די וועלט איז חרוב?!" דער זוהר הקדוש רעכנט דארט אויס אלע צדיקים וואס האבן גע'טענה'ט מיטן אייבערשטן און מתפלל געווען פאר זייער דור ווען דער אייבערשטער האט זיי געזאגט אז ער גייט ברענגען א שטראף אויף די מענטשן, עיין שם.

זעט מען אז עס איז צוויי סארט צדיקים, נח איז געווען א צדיק, אזוי ווי דער תורה זאגט (בראשית ו, ט): "נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו", אבער א צדיק פאר זיך, נאכדעם איז דא א צדיק וואס ער ברענגט אריין דעם אייבערשטן אין די וועלט.

וואויל איז דעם מענטש וואס קוקט אויף זיך, ער לעבט מיטן אייבערשטן, און ניצט אויס די צייט מיט תורה תפילה; ער ווייסט אז נאך אביסל וועט ער גארנישט האבן פון אלע חברים, ווייל ווען מען לייגט אריין א מענטש אין קבר איז מען דארט איינער אליינס, דארט נעמט מען מיט נאר די דפים גמרא וואס מען האט זוכה געווען צו לערנען יעדן טאג, דארט נעמט מען מיט די פרקים משניות וואס מען האט ארויס געכאפט יעדן טאג, און די התבודדות - אלע ווערטער וואס מען האט זוכה געווען צו רעדן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~